STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01693

# DRAMATISHE VERK

Isaac Leib Peretz

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Joseph Masteroff*
*in memory of*
*Louis P. Masteroff*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ.

# דראמאטישע ווערק

פערלאג „פראגרעסס"
ווארשא
תרס"ח

Драмы Л. ПЕРЕЦА
Тип. Ф. Бäумриттера, Красинская площ. 6. Варшава 1907 г.

J. B. Chesterfield

י. ל. פּרץ.

# שריפטען.

## נייע אבטיילונג

# דראמאטישע זאכען.

אינהאלט:


ער און זי . . . . . . . . . 1—4

שוועסטער . . . . . . . . . 5—34

נאָך קבורה . . . . . . . . . 35—42

אַ פּריה מאָרגען . . . . . . . . 43—54

שאַמפּאַניער . . . . . . . . . 55—66

ס'ברענט . . . . . . . . . 67—80

וועגען קינדער . . . . . . . . 81—96

# ער און זי

פּאַרשפּיעל

# ער און זי.

(פארשפיעל)

וא גערטיל. אין הינטערגרונד א זומער וואהנונג, די לבנה
בעפרייט זיך פון אונטער א וואלקען, א בלאסער זילבערנער
שיין לעגט זיך איבער דער סצענע!

---

ער. די בלומען האבען דיך דערשפירט, און גריסען דיך מיט וואהלגערוך...

זי. (איראניש) אה...

ער. און די לבנה... זי שווימט ארויס פון אונטערן לייכטען וואלקען — זי שווימט דיר אקעגען...

זי. די לבנה איז א נאר, האט נאך היינע געזאגט...

ער. און יעדער נאר האט דאך זיין שכל, און ווייסט, וואס שען און גוט איז. ווי איהרע שטראהלען ציטערן איבער דיין צארט געזיכט, שמייכלען ארום דיינע פיינע ליפען...

זי. ביזט דיכטער געווארען!

ער. דאס וועט יעדערער ביי דיר ווערען. און עס איז קיין דיכטונג — איך האב דיך ליעב...

זי. (מיט א האנד=בעוועגונג צום הויז) געה, זאג דער מאמען מיינער; זי וועט זיך פרעהען דערמיט. גאנצע נעכט שלאפט זי נישט; איך וואקס איהר אין גראהען צאפ ארייןּ... שטעהסט נאך?

ער. איך האב מיך אן א מעשה'לע דערמאהנט!

ז י. אויב עס געהער צו דער זאך, ערצעהל...

ע ר. עס איז אין גן עדן געווען —

ז י. איין אלטע געשיכטע —

ע ר. „און בלייבט אימער נייע", זאגט היינע... און עס איז געווען נאך איידער מען האט אדם וחוה — די ערשטע מענשליכע פאר — פון גן־עדן פערטריבען און די כרובים מיט די שארפע שווערדען ביי'ם טויער געשטעלט..

ז י. זיי האבען פון אפעל נישט געגעסען און נישט געוואוסט וואס גוט און שלעכט איז?

ע ר. געגעסען —

ז י. און נאך נישט פערטריבען?

ע ר (שמייכלענדיג) עס געהט עבען דער פראצעס — און אדם, נישט וויסענדיג פון קיין בייז, שפאציערט רוהיג ארום אין די אלעען פון גן עדן און דערזעהט א שענעם אפעל אויף א בוים —

ז י. ווייטער איין אפעל

ע ר. און אויך א שיינער, א פערגליסטונג פאר די אויגען, ווי די ביבעל וואלט געזאגט; צארט געריינטעלט, ווי דער פרישער מארגען...

ז י. געפעלט ער איהם?

ע ר. געוויס. ער בעקומט א פול מויל מיט וואסער און עפיס א מין צוויקען אין דער געגענד פון הארץ —

ז י. האט ער'ן אבגעריסען?

ע ר. אין גן עדן רייסט מען נישט. ער האט געבעטען! ער האט זיך אבגעשטעלט ביים בוים, פיין געגריסט און געבעטען: בוים, גוטער בוים, שענק מיר דיין אפעל, איך וויל איהם עסען!

ז י. און דער בוים האט — אבגעזאגט.

ע ר. ניין. ער האט נור א בעדינג געשטעלט: אדם, מער אדם. האט געענטפערט דער בוים, דו קענסט דעם

אַפּעל האָבען, נור מיט מיר צוזאַמען. דו קענסט איהם עסען, נור מיך אויך צוזאַמען, מיך אין גאַנצען... דעם אַפּעל, די בלעטער, די צווייגען, דעם שטאַם, זאָגאַר די וואָרצלען אונטער דער ערד און מיט'ן שטויב אויף די וואָרצלען!

זי. חאַ־חאַ־חאַ!

ער. אָדם האָט אויך געלאַכט. דער בוים דאָך האָט עס ערנסט געמיינט. „ניט מיט אַמאָל — האָט ער איהם פּערטייטשט. ביסט דו מחויב מיך אויפצועסען, נור מיט דער צייט, דורכן גאַנצען לעבען. מיך עסען מוזט דו יעדען טאָג, יעדע שטונדע, יעדע מינוט, יעדע סעקונדע — אָהן אויפהער —

זי. און ער?

ער. ער האָט שוין געוואוסט, וואָס גוט און וואָס שלעכט איז!

(פּויזע)

זי. איך האָב מיך אויך דערמאָהנט אָן אַ מעשה'לע...

ער. אויב עס געהער צו דער זאַך. ערצעהל...

זי. ניט אין עדן איז עס געווען. נור אויף איין ענגלישען פּלאַץ אין אור־וואַלד! און ניט מיט אָדם הראשון איז עס געשעהן, נור מיט איין ענגלישען צו אָדם הראשון — מיט אַ ווילדען מענש. טאַטואירט איז ער געווען, אויף'ן האַלז צייהן פון פערשיעדענע חיות אָנשטאָט פּערל, און אויף'ן קאָפּ — אַ קרוין פון פערשיעדענע פעדערן... אין דער האַנד האָט ער אַ פּאַלענבויגען געטראָגען. איינמאָל הויבט ער די אויגען אויף און דערזעהט, אַ פויגעל רעדעלט איבער זיין קאָפּ. אַ פויגעל, אַ פּרעמדער מיט אַ גאָלדענער פעדער — אַ פערגליסטונג צו די אויגען, אַ גאָלדענער מאָרגענשטראַהל... און די פעדער איז איהם געפעלען, ער האָט זי צו זיין פעדער־קרוין געברויכט.

ער. האָט ער'ם געשאָסען?

ז י. צו דויך און צו ראַש איז דער פויגעל געפלויגען , ער זאָל מיט דער פייל דערגרייכען...

ע ר. האָט ער איהם אַ פויגעל-פאַל געשטעלט?

ז י. ניין, ער האָט געבעטען: פויגעל, פויגעל, איך ברויך דיין פעדער... שטעל דיך אָב און איך וועל דיך שיסען. דיין קערפער וועל איך נישט בענוצען, נור דיין פעדער, דיין שטראַהלענדיג גלאַנציגע פעדער —

ע ר. נו? —

ז י. ער האָט נישט געענדיגט; דער פויגעל איז אוועק — (געהט ראַש אָב)

ע ר. דאָס איז דאָס פּראָבלעם...

# שװעסטער

א דראַמאַ אין איין אַקט.

# שוועסטער.

## א דראמא אין איין אקט.

---

## פערזאנען.

**מירל**, איין אלמנה מיט קינדער נאך א שוחט; שטארק פערעלטערט.

**לאה** און

**נחמה** — מירל'ס צוויי שוועסטער, דיענסט-מיידליך; **לאה** איז עטוואס עלטער פאר נחמה'ן.

**אברהמ'ל**, מירלס זוהן, א חדר-יונגעל.

**זרח**, א פועל ביי'ן א שוסטער.

**משה'ל**, א פעלשער-יונג.

א קול פון א בעל-הבית'טע דורך א פענסטער.

---

## די סצענע שטעלט פאר —

איין אבגעלעגען ווינקעל פון א שטעדטישען סקווער. ווי-זא-ווי דעם סופלער — א קלאמב. פאר'ן קלאמב א שמאל וועגעל אין דער ברייט, מיט שמעלערע זייטען-וועגליך טיעפער אין סקווער אריין. הינטער'ן קלאמב — א באנק. נישט וויים פון איהר, רעכטס — א ברענענדיגער נאפט-לאמטערען. לינקס פון סופלער ציהט זיך ארויף א שורה הייזליך, וואס גרעניצען מיט'ן סקווער.

עס איז א קיהלער הערבסט-אבענד. די הייזליך לינקס זענען פערשיעדען בעלייכט. דאס נאהנסטע אין עק — העלער. דער גאנצער סקווער-ווינקעל ליגט אין

האלבען=שאטען. ארום לאמטערן — א ליכטיגער ראד. אן הימעל זעהט מען, אז טיעפער איז דער סקווער בעסער בעלייכט. פון אונטער'ן קלאמב, וואו דער סקווער איז העלער בעלייכט, הערען זיך שטימען פון זיצענדיגע און שפאציערענדיגע מענער און פרויען, געלעכטער און אויסגעשרייען, וואס ווערען וואס א מאל זעלטענער און שטילער, און הערען אין גאנצען אויף פאר דער לעצטער סצענע.

---

# ערשטע סצענע.

מירל. אברהמ'ל.

מירל. (זיצט אויף דער באנק, קוקט זיך וואס אמאל אונרוהיג ארום אויף די זייטען, צי קומט נישט ווער; צו אברהמל'ען, וואס שטעהט פאר איהר אנגעשפארט אויף דער שוים און קווענקלט) נו, שא, שא, אברהמ'ל! (איינרעדענדיג) זיי וועלען קומען... וועט מען זיך אברעדען אויף מארגען... (איינשמייכלענדיג) ווייסט, וואס מארגען איז, תכשיט מיינער?

אברהמ'ל: (אויפהויבענדיג דעם קאפ) ד'וויים... דעם טאטען, עליו השלום'ס, יאהר־צייט... (שטעלט זיך אין גאנצען אויף, צום הימעל, ערנסט) זכותו יגן עלינו...

מירל: אזוי, אזוי, לעבען מיינס, יתום מיינער —— וועל'מיר טאקי געהן צום קבר...

אברהמ'ל: זיי אויך?

מירל: (אונרוהיג) אוודאי... ווי אלע יאהר... (פרעגענדיג) און ד'האב דאך היינט קיין פרוטה נישט פערדיענט... און דו האסט נאך כמעט אין מויל נישט געהאט...

אברהמ'ל: איך בין גאר נישט אזוי הונגעריג, מאמע...

מירל: (שאקעלט מיט'ן קאפ, נישט גלויבענדיג) אוודאי, אוודאי... א שטיקעל ברויט אונ איין עפעלע... וועל'ן טאקי די מוהמעס ברענגען עפיס גוט'ס אויך...

אברהמ'ל: וועל'מיר אהיים נעמען פאר סערלען...

מירל: ס'וועט זײַן פאַר אַלע...

אברהמ'ל: איך בין נישט הונגעריג... באמת, נײַן, מאַמע.

מירל: (קוקט איהם אָן פאַרשׂעגדיג, אונרוהיגער).

אברהמ'ל: עס איז מיר קאַלט, מאַמע, לאָ'מיך אַהײַם...

מירל: עס איז דיר קאַלט, ציהרונג מײַנער, קדיש מײַנער, נאַ דיר, נאַ מײַן שאַלעכיל (נעמט עס אראָב פון אַקסעל).

אברהמ'ל: איך וויל נישט, מאַמע, דיר איז אויך קאַלט...

מירל: נײַן, גאָלד מײַנער... מיר איז נישט קאַלט (וויקעלט איהם אַרום מיט דער שאַל), איך בין געוואָהנט... און די מוהמע נחמה האָט געזאָגט, זי וועט מיט דיר געהן צום רופא...

אברהמ'ל: מוחל...

מירל: (אונרוהיג) פאַר וואָס? צו דער תורה דאַרף מען כח האָבען, געזונד זײַן...

אברהמ'ל: אַז גאָט וועט וועלען, ד'זאָל געזונד זײַן (שטאָקט).

מירל: איז וואָס, קדיש מײַנער?

אברהמ'ל: (פלאַצט אַרויס) האָט ער בעסערע שלוחים.

מירל: נאַריש קינד, דער רופא אַליין איז אַ גאַנץ ערליכער יוד...

אברהמ'ל: נישט איהם מײַן איך...

מירל: ווילסט נישט געהן מיט דער מוהמע נחמה?...

אברה'ל: נײַן...

מירל: (פריפענדיג) נאַרעלע, מיט אַ מוהמען מעג מען...

אברהמ'ל: כ'וויל אָבער נישט...

מירל: (מיט אַ טרויעריגען, מאַסקירענדיגען שמייכעל) וואָס דען, אברהמ'ל, ווילסט דו?... (צוריק ווי פריהער) און לערנען ווילסט דו?

אברהמ'ל: (שטאָלץ) לערנען וויל איך!

מירל: און רבי-געלד?

אברהמ'ל: (אָבגעפּאַלען) יאָ, יאָ... די רביצען האָט מיר טאַקי געזאָגט...

מירל: די מרשעת, ימח שמה...

אברהמ'ל: מאַמע, זינדעל נישט... דער טאַטע, עליו השלום, האָט פיינד געהאַט, אַז מען שעלט...

מירל: כ'מיין, וואָס יאָגט זי זיך... די מוהמעס וועלען נאָך אפשר היינט עפּיס ברענגען... לכל הפחות להשבון...

אברהמ'ל: דאַרף יוכבד שיך...

מירל: שכר-למוד איז בילינער...

אברהמ'ל: און סערל האָט אַ צוריסען קליידעל...

מירל: קודם כל—שכר למוד...

אברהמ'ל: (האַפּט זיך אַרויס) פון וואַנען געלד?

מירל: (פערציטערט) וואָס זאָגסטו? האָסט שוין געהערט עפּיס לשון הרע?... פון די חברים, די שקצים?

אברהמ'ל: (בעליידיגט) מיינע חברים, זענען קיין שקצים נישט... לומדי-תורה זענען זיי... און האָבען געהערט פון מאַמעס...

מירל: אַז וואָס, אַז וואָס...

אברהמ'ל: אַז... זיי האָבען חתנים... געהען אַרום מיט זיי שפּאַצירען...

מירל: (לייכטער אָבגעטעמענדיג) אַזוי... איין עולה... זאָגען וועל איך זיי... נור ס'אי'נישט דיין זאַך, אברהמ'ל...

אברהמ'ל: (בעז) ס'אי מיין זאַך... נאָך אַ חדש הויב איך, ב"ה, אָן תפלין לעגען... איך וויל נישט... איך וויל זיי ניט זעהן...

מירל: די מוהמע נחמה'ן אויך נישט?... זי האָסט דו דאָך גאָר ליעב געהאַט...

אברהמ'ל: מאַמע, לאָ'מיך אַהיים...

מירל: (מיט הארץ) געה, געה! לא׳מיך דיין פרצוף נישט זעהן...

אברהמ׳ל: (דערפרעהט) נא דיר אב די שאל.

מירל: געה... אנגסטען שלאגען אויף מיר! (אברהמ׳ל געהט אב רעכטס; זי רופט איהם נאך!) הייס מאכען פייער, כ׳וועל ברענגען קארטאפעל.

אברהמ׳ל: (דרעהט זיך אום אינ׳ם גאנג) האסט דאך היינט נישט פערדינט, מאמע? מען וועט דיר דען בארגען?

מירל: נישט דיין זאך, וואו איך וועל נעמען, וועל איך נעמען!

אברהמ׳ל: און איך וועל נישט עסען...

מירל: געהסט אוועק! מיין גאנץ ביטער הארץ וועל איך צו דיר אויסלאזען!...

אברהמ׳ל: ד׳געה, ד׳געה (געהט, צווינגט זיך)

וואס איז א מענש?

נור ערד און שטויב

פאר ווערם א רויב — (פערשווינד, מען הערט נאך זיין קול)

היינט אין א שטוב,

מארגען אין גרוב

און שטום און טויב...

וואס איז א מענש...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

מירל: (וואס איז שטארק צוגעצויגען געווען צום ליעד, נאך א פויזע, שטארק געריהרט) תכשיט מיינער... יתום מיינער... נישט וויט פאלט דאס עפעלע פון בוים... דער פאטער עליו השלום, אויס׳ן אויג... (לאה בעוויזט זיך רעכטס).

# צווייטע סצענע.

לאה: (צוקומענדיג) גוטן'אבענד!

מירל: (איינגעצויגען) גוט יאהר.

לאה: און וואו איז אברהמ'ל?

מירל: געווען... אהיים געגאנגען...

לאה: נישט געקאנט זיך דערווארטען, נעביך.

מירל: ס'איז איהם קאלט געווען...

לאה: וועל איך מארגען ביי דיר אבטרעטען... איידער ער געהט אוועק אין חדר אריין...

מירל: (טרוקען) ער געהט אוועק פאר טאג...

לאה: (פערוואונדערט אויפ'ן קול, בעטראכט זי) און וואו איז ס'שאלעביל, מירל? (מיט רחמנות) פערזעצט?

מירל: ניין... איינגעהיילט אברהמלען...

לאה: ער הוסט, נעביך?

מירל: אוודאי הוסט ער...

לאה: וועל איך געהן צו איהם אין חדר אריין...

מירל: (פערשוויגט).

לאה: (זיך דערמאהנענדיג) איי, מארגען איז דאך יאהרצייט... ווען גע'ה'מיר?

מירל: ארום ניינען...

לאה: וועל איך צוריק צו וועגס אבטרעטען.

מירל: מען דארף נישט!

לאה: (אונרוהיג) וואס איז ווייטער?

מירל: שיינע זאכען פון דיר געהערט... פון אייך ביידע...

לאה: פון דיין מויל, מירל?

מירל: פון חברים... עס האלט שוין דערביי... דער בוימעל שווימט אויפ'ן וואסער ארויף...

לאה: (מאכט זיך א הארץ) עס געפעלט זיי נישט דער שדוך?

מירל: שוין געווען ראשי־פּרקים?

לאה: (צאַרניג) ניט דיין באָבעס דאגה...

מירל: אוודאי... פערשוואַרץ... פערשוואַרץ מיר נאָך מעהר דאָס פּנים... מען לאָזט מיך ניט דורכגעהן איבער׳ן מאַרק...

לאה: אפשר וואָלסט דו בעהאַלטען דיינע תּחנות אויף מאָרגען? — פאָלג מיך, שוויין בעסער...

מירל: און אַז איך וועל שווייגען, וועט די וועלט אויך שווייגען?

לאה: מיין כּפּרה די וועלט...

מירל: און גאָט, וועט אויך שווייגען?

לאה: ד׳האָב דיר שוין ניט איינמאָל געזאָגט, — שטעל דיך ניט צווישען מיר און גאָט... לאָז געמאַך! האָט גאָט צו מיר טענות, האָב איך אפשר צו איהם אויך טענות! —

מירל: (פערבליפט) וואָס פאַר אַ רייד?!

לאה: (לאָזט זיך ניט שטערען) און אויף איין שאלה — צעהן תּשובות... עט, נעם בעסער, וואָס ד׳האָב געבּרענגט, נאַ — (אַז מירל שטעלט ניט אויף די האַנד, לעגט זי אויף דער באַנק) קודם כּל — וואַקס..

מירל: (געריהרט) האָסט געדענקט צו קויפען?

לאה: (מיט איין אַקסעל־בעוועגונג) צו קויפען? מען האָט געקויפט האָניג, איז געבּליבען וואַקס...

מירל: ד׳דאַרף ניט קיין וואַקס!

לאה: משוגעת! האָסט אַ נשמה־ליכט?

מירל: בעסער ניט, איידער פון גנבה׳שען וואַקס..

לאה: איך גנב׳ע ניט, און עס קומט מיר מעהר... די קלעע פון די ביינער ציהען זיי מיר אַרויס, דאָס חיות — די נשמה...

מירל: קיין וואַקס נעם איך ניט.

לאה: איז ניט... לאָז עס ליגען... און דאָ האָסט

דו אַ שקאָרמיצעל טהײַ... צוקער אַ ביסעל... פאַר אברהמ'לעך עקסטראַ אַ לעקאַכיל אין חדר אַרײַן... מען האָט געבאַקען מיט צו געבען דעם גאַסט, האָב איך פאַר אברהמ'לען אַראָבגע-נומען אײנס... און יאָ — אַ ביסעל געלד (נעמט אַרויס און האַלט אויף דער פלאַכער האַנד זילבער-געלד).

מ י ר ל: (מיט חשד) אַזוי פיעל? האָסט דאָך שוין לאַנג. אָבגענומען שכירות?

ל א ה: ד'האָב דאָך דיר געזאָגט — אַ גאַסט איז געווען, האָט ער איבער געלאָזט...

מ י ר ל: אַזוי פיעל?

ל א ה: (פּלאַצט אויס) שלאַנג!

מ י ר ל: לאה... גלאַט אַזוי? פאַר גאָר נישט?

ל א ה: פאַר גאָר נישט... װעניג געהאָראָוויט ביז ער איז אַװעק געפאָהרען? —— אוי, שלאַנג, שלאַנג... אַז זי גיט אַ ביס, איז טאַקי טיעף אין האַרץ אַרײַן... און דאָס איז אַ שוועסטער, אײן עלטערע שוועסטער... װעניג יענע, טרעט עם אויך מיט די פיס... האָסט אפשר װעניג, נאַ, נאָך! (פאַלט אויף דער באַנק) מירל, װי האָט אַ מענש קײן רחמנות נישט? זעהסט, צו װאָס איך בין געקומען... אַ בעל-בתי'שע טאָכטער... אַ מאַמעס אַ קינד..... צונד — הפקר... װער עס װיל, שפּײַט אין פּנים אַרײַן...

מ י ר ל: חבר דיך נישט מיט פעלשעריונגען...

ל א ה. אײ, דאָס איז נאָך נישט דאָס ערגסטע... דײַנע פרומאַקים זענען ערגער, הער... ד'האָב דיר נישט געװאָלט ערצעהלען... נור דו צאַפּסט פון מיר ס'בלוט, נאַ דיר נאָך אַ ביסעל... (האַלב װײנענדיג) געהאָריוויט ביז שפּעט בײַ נאַכט... פאַרן גאַסט... ס'שאַט נישט, זאָגט די אַלטע מכשפה, ס'װעט זײַן תנאים, װעסט דו פערדינען... אײן אַלמן איז ער... געקומען בעקוקען די שװאַרצע, אַנגעשװאָלענע מויד מיט די קעלבערנע אויגען... תנאים װעט זײַן... דערװײַל אַרבײַט...

פון די פּים פאַלט מען... טהיי און טהיי, און אַ ביסעל בראָנפען, און פערבייסען... לויף, חאַפּ, טראָג... טראָגען זאָל מען זי אויף דער מטה, רבונו של עולם... נור איין עק... די רשעים אין גיהנם האָבען אויך אַ מאָל רוה... געלויבט איז גאָט... שוין דריי דער זייגער... ד׳קויקעל מיך קוים צו צו דער קיך... ד׳פערגעס אפילו ס׳לעמפיל צו פערלעשען, אַז דער קאָפּ דרעהט זיך... מיין כפרה, וועט זי מיר, די מכשפה, אָבשלאָגען פאַר׳ן נאַפּט — כפרה זאָל איך מיט איהר שלאָגען, רבונו של עולם... זי האָט עס מיר שוין געזאָגט, ס׳מויל זאָל איהר הינטען שטעהען... נור נישט אין דעם געהט עס — — — ד׳פאַל ווי אַ הורג אויפן בעט, אין דער ספּאָדניצע, אין די שיך און זאָקען.. קוים די בלוזקע אויסגעטהון... ד׳ליג מיט אָפענע אויגען — ד׳הער, ס׳שלאָגט פון שטוב אַרויס האַלב פיער, פיער, האַלב-פינף — פינף, קוים איך דרימעל איין — ר׳איז דאָ!

מירל: (דערשראָקען) דער חתן?

לאה: נאָך אַזוי פיעל העזה זאָל ער האָבען? גענוג ר׳האָט מיר אַ גאַנצען טאָג די הייסע שליחים פון אונטער די ברעמען צום פנים געשיקט, אין ביזעם אַריין... פון אונטער דער כלה׳ס קרומע פלייצע אַפער... ביים לעך-געלד האָט ער מיר די האַנד געקוועצט, קוועצען זאָל איהם אונטערן האַרץ, רבונו של עולם... ער אַליין איז געקומען, ר׳ יאָ-קאַ-לע...

מירל: (נאָך מעהר דערשראָקען) וואָס האָט ער געוואָלט?..

לאה: חאַ-חאַ-חאַ? וואָס ער האָט געוואָלט? וואָס וויל אַ מאַנספּערשוין? — ד׳חאַפּ מיך אויף, ער טרעסעלט זיך איבער מיר מיט דער גראָבער נאָז... דער אָטהעם ברענט מיך... ווי אַ פערד הירזשעט ער... אויפ׳ן ביזעם קריכען מיר די פאות אַרום, ווי די ווערם... (שפּרינגט אויף) נור אָן איהם האָב איך מיר ס׳האַרץ געקיהלט! איין אַיינפאָר-הויז, מיינט ער! — — — אַלע פינף פינגער! ס׳האָט געהילכט! (פאַלט צוריק אויף דער

באנק) אזא פנים האט מען ביי זיי... מען איז גאר קיין מענש נישט... מען האט אפילו אויף זיך אליין קיין דעה נישט... קומסט דו נאך און טרעטסט אויך מיט די פיס... און טרעטסט! (אויסער זיך) אויפ'ן לייב, אויף דער נשמה!

מירל: (האפט זי אן ביי דער האנד) שא, מען געהט! (רעכטס בעווייזען זיך נחמה און זרח).

# דריטע סצענע.

די פריהערדיגע. נחמה, זרח (קומען אן געארימט).

נחמה: (בעמערקענדיג די שוועסטער, ציהט ארויס די האנד) צונד ווער אביסעל פערשוואונדען, זרח...

זרח: ביז מארגען?

נחמה: (שטעלט זיך אב) מארגען נישט... מארגען איז יאהר־צייט, אויפ'ן שוחט'לס קבר גייה איך...

זרח: א נייטיגע זאך...

נחמה: לאה וויל דוקא... און מילא...

זרח: אזא פרומע נשמה...

נחמה: ס'שוחטל? אוודאי! אבגעקינדעלט און זיך אוועקגעלעגט... קום שפעטער... אדיע...

זרח: (וויל זי קישען).

נחמה: (דרעהט זיך אויס): נאשער! גייה איבערן סקווער... ד'וועל דיך רופען...

זרח: אז די צנועה וועט אוועקגעהן...

נחמה: זרח! זי איז מיין שוועסטער!

זרח: ד'שווייג שוין, ד'שווייג! אדיע. (געהט אב רעכטס. נחמה געהט צו צו דער באנק).

# פירטע סצענע.

די פאריגע, אויסער זרח.

נחמה: (צוקומענדיג) גוטען־אבענד.

לאה: גוט יאהר (קושען זיך).

נחמה: (צו מירלען) און דיר פאסט נישט צו ענפערן? (נישט ווארטענדיג אויף תשובה) און וואו איז אברהמ'ל?

לאה: ער איז געוועזען, זאגט מירל, אונ אוועקגעגאנגען... ס'איז איהם קאלט געווארען... ער הוסט!

נחמה: נעבּיך... און איך האב שוין אזוי געבענקט נאך איהם... מען לויבּט איהם אזוי... מיין בעל הבית בענשט זיך מיט איהם. ביים ווארימעס, זיץ איך אין קיך. הער איך, ווי ער שטראפט זיינע בנים... א שטיק געזונד איז מיר צוגעקומען... אין פוטער האב איך מיר געשמאלצען... אברהמ'ל, זאגט ער, איז איין עלוי... זאפט איין די הייליגע תורה, ווי א שוואם... א שאד, וואס ר'איז נישט דא — אלע ביינדליך וואלט איך איהם אויסגעקושט!

מירל: האסט, ברוך השם, וועמען צו קושען... ער, ברוך השם, וויל נישט!

נחמה: (מוטוויליג) ער וועט עלטער ווערען, וועט ער בעסער ווערען!

מירל: ס'מויל זאל דיר הינטען שטעהען, רבונו של עולם!

נחמה: שווייג, גבאי'טע!

לאה: נו, נו... הייבּט זיך אן איין עסק...

נחמה: ד'וועל איהר דען ענטפערן? (צו מירלען) נא, נעם בעסער (גיבט ארוים פערשידענע זאכען פון קעשענע).

מירל: נור, געשווינד! די האנד ציטערט דאך דיר! דארפסט געשווינד מיינער פטור ווערען... איך שטער דאך דיך די שמחה מיט'ן שוסטער־יונג...

נחמה: (וואַרפט אַלץ אויף דער באַנק) אַז איך ענטפער דיר נישט קיין וואָרט!.. מאָרגען בײַם קבר וועל איך הערען דײַנע תחנות! אַדיע! (צו לאה'ן) מיר וועלן נאָך צוריק קומען. וואַרט אויף אונז! (געהט)

מירל: „מיר" — „אויף אונז"... שוין דערלעבט... אַ שענע וועלט...

נחמה: (שטעלט זיך אָב) ווייסט דו וואָס, מירל? פאָלג מיך, מאַך מיך חתונה! עפען דאָס קניפּעל, קאַרג נישט אויף נדן מיט הלבשה און חתונה-הוצאות... שיק נאָך קלעזמער — טאַנץ אַ קעגען מיט אַ קוילישש — זאָל זיין אַ שוחט'ל, אַבי אַ מאַן! האָסט? קענסט? — ניין? שווייג זשע! (פערשווינד רעכטס)

# פינפטע סצענע.

די פריהעריגע, אויסער נחמה.

מירל: (שטעהט אויף וויל געהן)

לאה: (פערהאַלט זי בײַם קלייד, מיט אַ שוואַכער שטימע) וואַרט אַ ביסל... זיץ נאָך מיט מיר אַ ביסל... כ'האָב מורא, צו בלייבען אַליין...

מירל: אַהיים געהט מען!

לאה: (ביטער) אַהיים! אַהיים ויאָלט איך געגאַנגען...

מירל: (געריהרט) אַ מענש געהט נישט גראָד אַהיים, נור וואו עס איז איהם בעשערט!

לאה: (נאָך אַ קליינע פויזע) און עס איז דאָרט אויך קיינער נישט דאָ... זיי זענען געפאָהרען בעגלייטען דעם סוחר... דעם חתן צו דער באַהן — — זיי וועלען קומען שפּעט... און איך האָב מורא — איינע אַליין... דאָס שוואַרצע קיך-לעמפּעל... די שאָטען אַרום אויף די אָבגעשיילטע ווענד...

מירל: האָב בעסער מורא פאַר גאָט... פאַרכט דיך פאַר די זינד...

לאה: (נישט הערענדיג) און שטענדיג אליין... נאר אליין...

מירל: שטענדיג?..

לאה: אוי, ווי דו קענסט בייסען... ווי דו האסט קיין רחמנות נישט!

מירל: און דו אויף נחמה'ן האסט רחמנות? דו טרענקסט, זאל זי אויך טרענקען... אליין, האסט דו מורא! ווילסט ס'זאל דיר היימליך זיין! ציה זי אראב, אראב!

לאה: איך ציה נישט קיינעם! יעדערער האט זיין דעה, זיין ווילען, און זיין הארץ... יעדערער פיהרט זיין אייגענעם חשבון... (דערמאנענדיג זיך; מיט הארץ) און איך. חס ושלום, טרינק נאך נישט...

מירל: אוודאי... א שפאס פון א גליק! מען איז זיך דאך מקנא אן דיר! מען בענשט זיך מיט דיר! —— שדכנים קלאפען דיר אב די שוועל! א שפאס א צנועה —— —— און וואס וועט זיין דיין סוף, לאה?!

לאה: צום סוף איז נאך וועט... און וואס זאל זיין דער סוף!

מירל: (זעצט זיך צוריק) און וואס ביסט דו עס אזוי וויים ווי די וואנד? און וואס פאר א רויטע פלעקען האסט דו עם אויפ'ן פנים? און וואס בעטייטען די ברוינע־בלאהע רענדער ארום די אויגען? און די געשוואלענע ברעמען? און וואס בעטייט דאס פיבער, וואס ברענט דיר אין אויג? און וואס זענען דיר אזוי איינגעפאלען די באקען? —— און די שרעק דיינע אליין צו זיין —— און די מרה שחורה דיינע?

לאה: איך דארף נאך שיינען ווי די זון? אזא זים מזל? א מענש הארעוועט ——

מירל: פערזייד מיר נישט די ציינער! הארעווען —— הארעוועסט דו שוין לאנג.. און פריהער האסט דו דאך געבליהט ווי א רויז, געשפיעלט ווי א פויגעל?

לאה: ווען פריהר?

מירל: (אהן רחמנות) פריהער — איידער דער פעלדשער־יונג האט דיך אוועק געווארפען!

לאה: (ארינטערפאלענדיג מיט'ן קאפ צום אנלעהן פון דער באנק) דאס ווייסט דו אויך? — — — און אין דעם בין איך אויך שולדיג?

מירל: איך נישט! אימזיסט פערלאזט מען נישט... אז מען איז יוצא אהן חופה וקדושין, דארף מען נישט — — — מוז זיין אזא סוף — —

לאה. אוי, ווי שלעכט די ביסט — — א לייבליכע שוועסטער און אזוי אהן רחמנות... אזוי אהן רחמנות! — — וואס שיטסטו דו מיר זאלץ אויף די וואונדען? וואס גיעסט דו בוימעל אויפ'ן ברענענדיגען פייער! מלאך המות מיינער! ווי האט א מענש קיין רחמנות נישט...

מירל: און דו, אויף דיר אליין, האסט רחמנות? (פויזע) און וואס וועט זיין ווייטער? עס קלינגט מיט דיין פיהרונג — — אין א יודיש הויז אריין וועט מען דיך נישט לאזען — —

לאה: וואס איז? איך ארבייט נישט? א קראנקע, א פוילע בין איך? — די רעשט איז נישט זייער דאגה — —

מירל: עס וועט יא זיין זייער דאגה... אז עס וועט ארויס ווי בוימעל אויפ'ן וואסער — קיין ערליכע בעל הבית'טע וועט דיך נישט לאזען איבער די שוועל... בפרט וואו עלטערע קינדער... — זי טאר עס נישט... די יאהרען וואלט זי זיך פערזינדיגט... אפילו א דיענסט וויל מען א לייטישע — א כשר'ע...

לאה: (צוזאמענגעצויגען, מיט געבעט).

מירל: אזוי קען נישט זיין... אזוי טאר נישט זיין... א תלין זיין פאר איין אייגענע שוועסטער הייסט גאט נישט! — איך ווייס, האסט נעביך, אביטער הארץ, מוסט עס אויסגיעסען... נור איך בעט דיך, נישט אויף מיר, — איך האב

שוין קיין כח נישט... אַ געשלאָגענע בין איך... אָהן חיות... (וויינענדיג) דריי שוועסטער — איינע איין אַלמנה, מיט הונגע־ריגע, באָרוויסע שוועלבעליך — צוויי פערלאָזטע — יתומות — און לאָז זיין, לאָז זיין, אַז איך בין נישט אַזוי — אַזוי פרום, אַזאַ כשר'ע צנועה — אָבער אַ שוועסטער ביסט דו דאָך, איין עלטערע שוועסטער — — מען האָט אָן מיר געפעלשט, אַ גזלן אין פעלד האָט מיך געטראָפען און אַריינגעזעצט אַ מעסער אין האַרץ... זעה'סט, עס רינט בלוט... דיין שוועסטער'ס בלוט... דער עולם אַרום אֶפשר לאַכט, דער פרעמדער עולם — אָבער דו, — אַ שוועסטער, איין עלטע־רע שוועסטער...

**מירל:** (שווייגט מיט אַ פערשטיינערט פנים).

**לאה:** אָהן אַ פונק רחמנות... זאָל זיין אַזוי, אַז עס איז אַזוי, דאַרף אַזוי זיין... אַ גוטע נאַכט (געהט).

**מירל:** (שלאָגט זיך מיט דער דעה, וויל זי ענדליך צוריק רופען; אין דער זעלבער רגע קומט לאה צו צום לאָמפּ, מירל ווערט פלוצלינג פערציטערט, שרייט מיט אַ היזעריג קול) לאה!

**לאה:** (גיט אַ ציטער, דרעהט זיך אויס) וואָס ווילסט דו?

**מירל:** אַהער! אויף דער מינוט קום אַהער!

**לאה:** (דערשראָקען, פאַלגענדיג, ווי אַ געשלאָגענער הונד) איך געה דאָך... שריי נישט. (די פיס פאָלגען זי אָבער וועניג).

**מירל:** אויף דער שטעל! הערסט!

**לאה:** (וואַקעלט און שלעפּט זיך קוים צו פאַר שרעק) שאַ, שאַ... מען הערט דאָך...

**מירל:** (נישט ענטפערענדיג; קוקט זי אַרום, פערפּאַטשט מיט די הענד) אוי, אוי! אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען... גאָט'ס שטראָף... קיילעכדיג... קיילעכדיג ווי אַ פאַס — — שטעהסט נאָך? אַרורה — אַוועק! (לאה קען זיך נישט ריהרען) אַוועק פון מיינע ד' אמות — דו... דו... אַוועק! און מאָרגען צום קבר — נישט דו... נישט זי... ניין, ניין קיינער נישט... או

נאָ, נאָ (וואַרפט פון קעשענע אַרויס די מתנות איהרע)... ווילסט נישט אַוועק געהן? (צו זיך) איך, איך געה! (ראַסט זיך קוים אָב, געהט, הייבט אָן צו לויפען פערשווינדט).

# זעכסטע סצענע.

לאה: (שלעפט זיך קוים צו צו דער באַנק, זעצט זיך, ציהט דער נאָך מיט גרויס מיה אַרויף די פיס, זיצט האַלב ליגענדיג, איינגעקוילערט. משה'ל קומט אָן פייפענדיג א ליעדעל).

משה: אָה עפּיס אַליגענדיגע „סחורה" אויף דער באַנק (געהט נעהנטער צו, בעמערקט לאה'ן, וויל זיך צוריק ציהען).

לאה: (האָט'ן בעמערקט, אָהן אַ קול) דו... אַה... קום צו, נעהנטער...

משה'ל: איך אייל מיך — —

לאה: ך'האָב דיר עפּיס צו זאָגען —

משה'ל: (אומרוהיג) נור, איך בעט דיך, אָהן טענות (מאַכט אַ טריט נעהנטער) און איך האָב אַ סך אַרבייט — איך בין נור אַרויס־געלאָפען פּאַפּיראָסען קויפען... געסט וואַרטען. (וויל און האָט דאָך נישט די העזה אַוועק צו געהען).

לאה: (נאָך אַ קליינער פּויזע מיט פערראַכטונג) פּאַפּיראָסען קוקען דיר אַרויס פון ברוסט־טאַש...

משה'ל: זעהסט, ווי דער קאָפּ איז פערדרעהט — — גאַר פערגעסען...

לאה: ך'ווייס, דו פערגעסט — —

משה'ל: ביי אַזוי פיעל אַרבייט — —

לאה: ך'וועל דיך לאַנג נישט האַלטען... נור עפּיס זאָגען וויל איך דיר...

משה'ל: זאָגען, מהיכא תיתא... נור איך בעט דיך.

ניִשט געזוידעלט — — זענען מיר ביידע, ברוך השם, ניִשט קיין פרומע נשמות...

לאה: חס ושלום — — — נור — אַ בשורה וויל איך דיר זאָגען...

משה'ל: וועסט אפשר אַ כלה?

לאה: ניִשט דאָס — נור — — — אַ מזל טוב קומט מיר, דיר אויך — גאָט האָט מיך געבענשט... (ווייזט אויפ'ן בויך).

משה'ל: (מיט גאַלגאַן-הומאָר) ניִשט ער, לאה, דאָס איז גראָד מיין ברכה, אויב ד'האָב קיין טעות ניִשט.

לאה: ניין, האָסט קיין טעות ניִשט.

משה'ל: נו, קומט אונז טאַקי אַ מזל-טוב — — — —

לאה: און מעהר ניִשט?

משה'ל: ווייסט דו וואָס, לאה, איך האָב אַ בעקאַנטען דאָקטאָר... ער וועט עס מיר טהון אומזיסט... איך וועל אַליין ביי איהם נעמען, וואָס מען דאַרף...

לאה: מעהר ניִשט?

משה'ל: וואָס דען ווילסט דו, לאה? צוויי מתים געהען ניִשט טאַנצען...

לאה: געה! אַז דו ווייסט שוין, געה...

משה'ל: איך וועל נאָך צוריק קומען, לאה... אין אַ האַלבע שעה, אַ שעה... וועסט וואַרטען?

לאה: (קאַלט) ניין...

משה'ל: וועל איך צו דיר אַ היים קומען — — וועלן מיר נאָך איבער-שמועסען...

לאה: ניין, געה! מענשען קומען אָן...

משה'ל: ווי דו ווילסט (ריקט זיך געשווינד אָב).

לאה: (פאַר זיך) און דאָס האָב איך ליעב געהאַט... אוי נקבות! נקבות! פאַר די הינד איך צו וואַרפען!

# זיבּענטע סצענע.

לאה (עס קומען צו) נחמה (און) זרח.

זרח: (אין דער זעלבּער צייט) גוט'ן־אָבענד, לאה!

לאה: (שווייגט).

נחמה: (בויגט זיך איבּער איהר פערוואונדערט, הייבּט אויף דעם קאָפּ דערשראָקען). לאה, וואָס איז מיט דיר? דיר איז נישט גוט?

לאה: (שוואַך) ניין...

נחמה: זעה, סאר'אַ פּנים דו האָסט? לאה!

לאה: די ציינער — איך מיין, דער קאָפּ טהוט מיר וועה... (שטילער) ד'ווייס נישט, וואָס איך רעד... (העבּער) פאַר קאָפּ ווייטאָג — שרעקליכע קאָפּ־ווייטאָג!

נחמה: פּערדעד מיר נישט די ציינער, לאה! ער איז דאָ געוועזען! — דער פעלדשער־יונג!

לאה: (שווייגט, ציטערט).

נחמה: ר'איז געוועזען! ר'איז געוועזען! וואָס האָט ער דיר געזאָגט!

לאה: גאָר נישט, ער האָט מיר גאָר נישט געזאָגט — איך האָבּ איהם געזאָגט — — —

נחמה: האָסט איהם בּעצאָהלט? רעכט אַזוי! ימח שמו — הייגט געה איך אַרויס אין דער פריה שטעהט ער אין יענער זייט סקווער מיט דער געלער מרים און שושקעט זיך, קוועטשט איהר די יד; זי האָט דאָך אַ לאַפּע ווי אַ בער!

לאה: (שטאַרק מיעד) מיין דאגה —

נחמה: (נישט גלייבּענדיג) אַזוי גאָר?

זרח: (צו זיך) דאָס הייסט אַ גאָלד פון אַ מויד! האָסט געגנוג? מהיכא תיתא, געה דיר געזונטערהייט!...

נחמה: וואָס טורמעלסט דו דאָרט, זרח?

זרח: ד'זאָג — אַ פאָרלעץ איז ער.

לאה: (ווײַנט שטיל).

נחמה: וואַרט! ער וועט קומען אויף מײַנע הענד! ער דיקט זיך צו צו מיר — — — ער קוועטשט די גלעזלע בײַ דער יד און ער שמייכעלט צו מיר... ער זוכט שוין לאַנג מיט מיר עסקים, דאָ וועט זײַן זײַן שוואַרצע חופה! איך וועל איהם בעצאָהלען — פאַר אַלע! וואַרט!

זרח: (מיט פאָרוואורף) נחמה!

נחמה: שווײַג, איך ווײס וואָס איך רעד!

זרח: איך אָבער בעשטעה נישט הערויף.

נחמה: האָסט מיר נאָך קײַן דעה נישט צו זאָגען; נאָך פאַר'ן „הרי את — —

לאה: און ווען וועט ער זײַן?

נחמה: אין לאַנגען דאָנערשטאָג, וואָס וועט געפאַלען אין קורצען פרײַטאָג...

לאה; אָה.. דו אויך — — — —

זרח (אין דער זעלבער צײַט): אָבער נחמה... ווי דו רעדסט... וואָס גלײַכסט דו מיך צום שאַרלאַטאַן!

נחמה: אַלע הינד האָבען אין פנים — — נור נישט דײַן זאַך...

זרח: נו, נו — וועל מיר זעהען... זאָל ער זיך צוריהרען צו דיר — אַ נאָל שטעק איך איהם אין טרפה-האַרץ אַרײַן...

נחמה (לאַכענדיג): נו, דאָס וואָלט גראָד נישט געשאַדט.

לאה: איך וויל מיט דיר עפּיס רעדען, נחמה.

נחמה: (זעצט זיך) רעד, רעד (נעמט זי אַרום און קישט זי!) רעד, נשמה מײַנע... רעד דיר אָב פון האַרץ...

לאה: נישט דאָס... מיט דיר וויל איך רעדען — — אינטער פיער אויגען...

נחמה: הערסט, זרח! חאפט דיך דער רוח אויף א ווײַלע!

זרח: אויף ווי לאנג, קרוין מײַנע!

נחמה: נור אהן זיסע רײַדאלעך —— ביז איך וועל דיך רופען.

זרח: אז די הײַסט, פאלג איך... גערט (לאנגזאם אויף און אב איבערן וועג, נור האלט זיך ניט ווײַט פון דער באנק)

נחמה: (צו לאה'ן) מײַן זרח... געטרײַ איז ער, ווי א הונד.

לאה: דײַן איז ער?

נחמה: אוודאי מײַן! ער הענגט אן מיר!

לאה: אויף ווי לאנג?

נחמה: איך זאג: ברוך ה' יום יום ... אויף מארגען זאל גאט זארגען...

לאה: גאט וויל, יעדערער זאל פאר זיך זארגען...

נחמה: (שפרינגט אויף) וואס פאר א תחנה לשון? דו אויך?

לאה: און מארגען אז ער וועט האבען גענוג ——

נחמה: גענוג וועט ער נישט האבען און אז יא —— צו אלדע שווארץ יאהר —— אויף אלע פיער ווינטען!

לאה: ווילסט נישט מיט'ן חתונה האבען?

נחמה: איך ווייס? איך זעה מירל'ס מזל...

לאה: נישט אלע ווײַבער ווערען אלמנות ——

נחמה: (פערטראכט א ביסעל) אמת... זרח'ן וואלט אזוי גיך דער רוח נישט געחאפט... אבער דער מיהמע בײַלע'ן איז בעסער? זי האט א מאן —— אבער מיט אכט קינדער! —— —— נור גלאט, קעגען קינדער איז פערהאן עצות ——

לאה: וואס רעדסט דו נחמה?

נחמה: וואס אלע רעדען...

לאה: מען טאר נישט אזוי...

נחמה: מאלע וואס מען טאר נישט... אז מען

האָט אַ ברירה, קלויבט מען אויס וואָס מען מעג... און אַז מען האָט קיין ברירה נישט? טהוט מען, וואָס מען קען... מיין פרומע בעל־הבית'ע האָט שיער נישט קרעפּירט... זי האָט דאָס פינפטע נישט געוואָלט!

לאה: און גאָט שטראָפט, אַז מען זינדיגט! מיך האָט ער שוין געשטראָפט... אוי, אוי, נאָך ווי געשטראָפט! נחמה, דו ווייסט גאָר נישט, ווי גאָט קען שטראָפען — — אַ מענש ווערט מבוזה ביי זיך אַליין... קען זיך אַליין נישט ליידען, מאוסט זיך פאַר זיך אַליין, ווי פאַר אַ מאוסען וואָרם...

נחמה (האַלב שפּאַס, האַלב ערנסט): לאה, בעהאַלט די רעשט אויף מאָרגען...

לאה: וואָס מאָרגען?..

נחמה: מאָרגען אויפ'ן הייליגען אָרט...

לאה: מיר וועלען נישט זיין אויפ'ן הייליגען אָרט...

נחמה: מאָרגען איז דאָך די יאָהרצייט... מיר געהען דאָך אַלע יאָהר צום קבר...

לאה: מאָרגען נישט — מירל וויל נישט...

נחמה: ווער הערט זי? (אומרוהיג) און פאַר וואָס וויל זי נישט?

לאה: זי זאָגט, אַז מיר — — שענדען דאָס קבר...

נחמה: (צורידערט) איך האָב נאָך קיין שלעכטס נישט געטהון, לאה?!

לאה: וועסט דו טהון... אונזער לעבען געהט משופּע אַראָב... משופּע...

נחמה: (להכעיס) און אַז איך וועל וועלען, וועל איך טהון! כל — דאָס — ביין! און וועל קיינעם נישט הערען, נישט מירלען, אפילו נישט דיך.

לאה: נחמה!

זרח: (בעוויזט זיך צוריק צו וועגס):

נחמה (רופט צו): זרח! (ער קומט צו בענטער) איך בין אַ

שענע טויד, זרח?!

זרח: ווי די זון!

נחמה: האסט מיך ליעב?

זרח: ווי ס'לעבען! —

נחמה: שטארק, היים?

זרח: ס'ברענט ווי ס'גיהנם!

נחמה: און אז די חאפסט א קיש!

זרח: צוקאכט דאס בלוט ווי א סמאלע! שכור ווערט מען פון דיין קיש!

נחמה: און א חופה װעסט דו שטעלען!

נחמה: אז דו ווילסט נישט, איז נישט! חאפט דיך דער רוח מיט'ן מסדר קידושין צוזאמען! מיין כפרה! כ'האב פאר וועמען צו בעהאלטען — א חיבא פאר איין אויסגעווייקט שוחט'ל... וואס וועט זיך אויסווייקען אין מקוה, אבקינדלען און מאכען „הייטע" און איבערלאזען איין אלמנה —— מיט יתומים —

לאה: (ווייל עפים זאגען, נור עס דער הערט זיך א פרויען־שטימע פון א פענסטער) נחמה! וואו ביסט דו, נחמה! דיין נאמען זאל אהיים קומען מכשפה. דער סאמאוואר קאכט און זי געהט זיך שפאצירען! נחמה! די פיס זאלסט די צובערכען, נחמה! געהסט א היים, נחמה?

נחמה: (קוים איינהאלטענדיג) אוי, ווען נישט מיר'ל מיט אידרע שוואלבען, א שטיין אין קאפ אריין וואלט איך איהר געגעבען... א תל וואלט איך פון דער מכשפה געמאכט (הויך) כ'געה שוין כ'געה! (צו זרח'ן) בלייב דא ביז איך וועל צוריק קומען... לאז זי אליין נישט איבער, הערסט? (געהט)

זרח: מיט'ן גרעסטען המן־קלאפער!

# אַכטע סצענע.

ז ר ח: (אָבגעקיהלט) זאָל נור זיין מעהר אַרבייט!

די פאָריגע, אויסער נחמה.

ז ר ח: (זעצט זיך צו אויף דער באַנק) נו, לאה'שי.

ל א ה: נור אָהן שי, כ'בין נישט דיין שי...

ז ר ח: הכלל לאה, גרויסע, שיינע לאה...

ל א ה: (שוין נישט הערענדיג, צו זיך) דריי שוועסטער... דריי אומגליקליכע שוועסטער — איינע איין אַלמנה מיט אָרימע שוועלבעלעך... די צווייטע, אַ שאָף — אַפערלווירענע, די דריטע אויף דער גליטש... אוי, אַ וועלט, אַ וועלט!

ז ר ח: (לאַבענדיג) נו, די וועלט איז גאָר קיין מעשה ניט... וואָלט נור מעהר אַרבייט געווען... און די סכנה איז נישט אַזוי גרויס... פעלשער־יונגען פעהלען נישט...

ל א ה: (וועקט זיך, קוקט אויפ'ן פערוואונדערט) אָה, דו ביסט עס, ז ר ח!

ז ר ח: ווער דען?

ל א ה: (צוריק האַלב פערטראַכט) הער, זרח! — —

ז ר ח: און וואָס איז דיין פערלאַנג גרויסע, שענע, ליעבע לאה?!

ל א ה: מיך האָסט דו אויך ליעב?

ז ר ח: אַוודאַי! ווי קען מען דיך נישט ליעב האָבען?

ל א ה: און נחמה'ן?

ז ר ח: ווי קומט איינס צום אַנדערן?

ל א ה: ביידע מיט אַ מאָל?

ז ר ח: הערסט איך ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי עס איז... נור איז'ען איז אַזוי... הערסט, נחמה ציהט מיך ווי מיט אַ צוואַנג. ווי אַ מאַגנעט! די האָר איהרע, די צעוואָרפענע! — פייער און פלאַם די האָר און די אויגען — די ברענענדיגע קוילען! און אַז זי גיט אַ רעד, חאַפּט עס ביים האַרץ!

דאָס קול, די ליפּען איהרע, די עפּעל, די באַקען. נור דו דאַרפסט זי נאָך ניט מקנא זיין, לאה, דיר פעהלט אויך, ברוך השם, גאָר נישט! מיינסט ער איז קלוג דער פעלשער־יונג?! אַזאַ מזל אויף איהם! קיין שענערס און בעסערס פערמאָגט די וועלט נישט... ביי די פּיס וועט ער דיר נאָך ליגען! ער וועט צוריק קומען!

ל א ה: (מיעד) מוחל...

ז ר ח: וועסט איהם מוחל זיין! אַ פערבלאָנדזשעטע שאָף — און וואָס, אַזוינס טרעפט נאָך אַ חתונה אויך, און ביי די גרעסטע בעלי בתים אויך, און אַפילו ביי חסידים... עס זאָל זיך נישט טרעפען ווי עס טרעפט זיך... ער וועט בעסער ווערען, צום שכל קומען... און וועט דיר זיין נאָך מעהר געטריי...

ל א ה: און דו, זרח?

ז ר ח: וואָס איך?

ל א ה: דו ביסט נחמה'ן געטריי?

ז ר ח: אַוודאי!

ל א ה: האָסט זי באמת ליעב?

ז ר ח: נאָך ווי הייסט ליעב! אַז איך זעה זי נישט אַ טאָג, מיין איך, די זון איז דעם טאָג ניט אויפגעגאַנגען! עס איז קיין טאָג נישט געווען — און ביי נאַכט — דאָס בענקען ביי נאַכט — — און די חלומות מיינע — פעך און סמאָלע ברענענדיגע... האָסט דען אַ בעגריף, לאה?!

ל א ה: און וועסט־חתונה האָבען?

ז ר ח: (אָבגעקיהלט) ד'האָב דאָך געזאָגט; מתים געהען נישט טאַנצען...

ל א ה: (פערציטערט) דאָס האָסט דו דען געזאָגט?

ז ר ח: אַלע זאָגען — אַז עס וועט זיין אַרבייט, מהיכא תיתא...

ל א ה: און איידער עס וועט זיין?

זרח: אײדער עס וועט זײַן — ווי נחמה וועט וועלען!

לאה: און דו וועסט איהר העלפען וועלען?!

זרח: (אומרוהיג) איך פערשטעה דיך נישט — לאה?

(פויזע).

לאה: איך האב א בקשה צו דיר, זרח!

זרח: נו, אלץ. אין פײַער און אין וואסער!

לאה: נישט אזוי ווײַט... איך וויל נור, זאלסט מײַן שוועסטער נישט אומגליקליך מאכען!

זרח: איך — נחמה'ן?!

לאה: זאלסט זי נישט אראב פיהרען פון וועג... זי איז נאך אזוי יונג... און דו בּיסט אויך — יונג... און אז דער יצר הרע בעפאלט — פערגעסט מען אן גאט, און דער וועלט... זרח, האב רחמנות אויף איהרע יונגע יאהר — — און אויף דיר אליין אויך — אויף דײַן ליעבשאפט אויך..., און, זרח, עס איז מיר שווער צו זאגען. נור איך מוז; „סחורה" אין שטאט פעהלט נישט — — —

זרח: ניין, לאה, דאס איז נישט! אמאל איז געוועןֹ, נור — צײַט איך האב נחמה'ן דערקענט, דיך מיט נחמה'ן, האב איך אבגעהאקט פון די נבלות, בין איך איידעל געווארען... נחמה איז ארײַנקײַט — — דו אויך, לאה... דו, דאכט זיך מיר — אוודאי! עס איז נאך אזוינע צוויי מיידען אויף דער וועלט נישט געוועןֹ! נישט דא א זוינע! נחמה און דו אויך! ווען נישט נחמה — ווער ווייסט?! זי מיט איהר פרייד, מיט איהר לעבענדיגקייט, מיט איהר ווילדקייט, עס שוימט, די ערד ציטערט אינטער איהרע טריט — א פלאקער געהט ארום אויף דער וועלט און לײַכט! און דו ווייטער מיט דײַן שטילקייט, מיט דײַן גוטסקייט... און (קוקט איהר אין די אויגען ארײַן) מיט דײַן שטילען וואונדערליכען טרויער, וואס קוקט דיר פון די אויגען ארויס, און מיט דײַן בלאסקייט — — א פריצה, בנאמנות, אײַן אמת'ע פריצה! א כפרה אלע פריצות פאר דײַן נאגעל!

(נעמט איהר די האנד) דו אליין ווייסט גארנישט, ווי שיין, ווי איידעל, ווי פריצה'ש דו ביסט (שאקעלט און דריקט איהר די האנד).

לאה: (דערפיהלט עס און רייסט אויס פון איהם איהר האנד) פוי!

זרח: פאר וואס? ער, לאה, לאה, נעם מיר נישט צו די האנד!

לאה: (זיך איינהאלטענדיג) וואס טויג דיר מיין האנד, זרח?

זרח: איך דארף זי (זי איבער נעמט געוואלד) און איך מעג... נחמה וועט קיין ווארט נישט זאגען... ביסט מיין שוועגערין, מיין ליעבע שוועסטער ביסט דו, אז איך וויל מעג איך דיך אפילו קישען (טהוט עס).

לאה: (ווישט זיך אב דאס פנים, וויל אנשרייען, האלט זיך פלוצלינג איין).

זרח: זיי נישט בייז, לאה! איך בין דאך דיין שוואגער! און באמת — איך האב דיך גאנץ ליעב, לאה! אז איך קיש דיך איז גלייך איך קיש נחמה'ן!

לאה: אלץ איינס?

זרח: אוודאי! וואס דען הייסט א שוועסטער, פון איין טאטע־מאמען א לייבליכע שוועסטער?

לאה: חאטש מיר זענען אזוי פערשידען! זי אזוי ווילד, איך אזוי שטיל...

זרח: חאטש! און אפשר גאר דעריבער!

לאה: (פערטראכט זיך).

זרח: זיי נישט קיין שלעכטע, לאה,

לאה: (וועקט זיך) וואס?

זרח: זיי נישט קיין שלעכטע.

לאה: אוודאי... א שוועגערין מיט א שוואגער... אפילו אהן א חופה, נור מהיכא תיתא, מיר זענען ביידע נישט אזוינע פרומע נשמות חס ושלום, חא, חא, חא! פערקעהרט, ווייסט דו וואס, זרח? איך האב צו דיר א בקשה!

זרח: ד'זאל רעדען מיט'ן ממזר?

לאה: ניין, ניין! צו דיר אליין א בקשה האב איך —
זרח: צו מיר?
לאה: אז דער יצר הרע, וועט דיך בעפאלען, זרח ——
זרח. אז וואס? וואס?
לאה: כאך זי נישט אומגליקליך, זרח... ענטלויף דעמאלט פון איהר — און ——
זרח: און וואס, לאה, וואס?
לאה: און קום צו מיר... איך בין שוין — א פערפאלענע —— לאמיך האטש א קרבן זיין פאר איהר ———
אמאל ליעב האבען קענסט דו דאך מיך, זרח?
זרח: (פערבליפט).

געשווינד פארהאנג.

# נָאךְ קְבוּרָה

(אַ סְצֶענֶע מִיט מוּזִיקַאלִישֶׁער בֶּעגְלֵייטוּנג)*

# נאָך קבורה.

(אַ סצענע מיט מוזיקאַלישער בעגלייטונג).

פּערזאָנען: די אַלמנה.
צוויי מוהמעס.
אַ מלאך.

י סצענע: רעכטס און לינקס — טהירען. אין הינטער־גרונד — צוויי פענסטער אונטער פאָרהאַנגען. אויף דער וואַנד אַן'איבערגעקעהרטער שפּיגעל. אויף אַ פענסטער — אַ טיכעל מיט אַ נשמה־קאַגאַניקעל. אין מיטען שטוב — אַ העגגלייכטער מיט אַרייגגעשטעקטע קאָלירטע ליכט. צווישען די פענסטער — אַ קיך־ביינקעל, דערויף: אַ שטיקעל בייגעל, אייער־שאָלען, אַ נישט־דער־עסען איי.

געבעט מעבעל אין אונאָרדנונג.

פאַר־נאַכט. אין מיטען סצענע בעווייזט זיך די לבנה אין פענסטער.

(זאונרוהיגע מוזיק — פאָרהאַנג).

---

די אַלמנה: זיצט אויפ'ן ביינקעלע מיט אַ פערשטיינערט פנים און שטאַרע אויגען.

די מוהמעס: שטעהען ביים טיש, נאָהנט צום פאָדער־גרונד.

ערשטע מוהמע: זי האָט נאָך קיין טרעהר נישט געלאָזט...

צווייטע מוהמע: זי קוקט — וואָס זעהט זי?

(פויזע).

ערשטע מוהמע: ס'פּנים, דאַכט זיך, געהט איהר אָב...

די אַלמנה: מוהמע, וואָס האָסטו געטהון אויפ'ן בית-עלמין?...

ערשטע מוהמע: גאָר-נישט...

די אַלמנה: בלימעלעך געריסען...

ערשטע מוהמע (צו דער צווייטער): דאָס האָט זי געטהון... און מיטען קריעה-שניידען. אראָבגעבויגען זיך...

די אַלמנה (צו דער צווייטער): און דו, מוהמע? (פערגעסט זיך).

(פויזע).

ערשטע מוהמע: צוריק פער-שטיינערט.

צווייטע מוהמע: וואָלט זי א טאַטען געהאַט...

ערשטע מוהמע: בעסער א מאַמע... א מאַמע ווייסט שטענדיג וואָס צו טהון...

צווייטע מוהמע: נאָך בעסער — א קינד.

ערשטע מוהמע: עס וואָלט חאָטש געוויינט...

צווייטע מוהמע: ווען אַקליינס, וואָלט עס געצופט ביי דער ברוסט...

ערשטע מוהמע: ארויסגעהענדיג פון טויער, האָט זי געפרעגט: „וואו איז מיין מאַן?"...

צווייטע מוהמע: דאָס זעלבע אריינקומענדיג אין שטוב... „נאָך נישטאָ?", האָט זי געפרעגט.

(פויזע).

ערשטע מוהמע: כ'מוז געהן אהיים, די קינדער עסען געבען.

צווייטע מוהמע: מיינער איז ערשט געקומען פון וועג. ר'וועט שילטען.

ערשטע מוהמע: מען דארף זי לעגען שלאָפען...

די אַלמנה: מיידעלוויי! האָב איך געקאָנט טאַנצען...

די מוהמעס: געהען, אונרוהיג, נעהנטער צו.

די אַלמנה (מעהר צו זיך): און פײַפען אויך... קײנער נישט געוואוסט... ער אויך נישט...

ערשטע מוהמע: גאָט איז מיט דיר!

צווייטע מוהמע: גאָט איז מיט דיר!

די אַלמנה (נאָך א פּויזע): גאָט? — מיט מיר?

ערשטע מוהמע: קום, קום שלאָפען...

צווייטע מוהמע: שלאָפען...

ערשטע מוהמע: קום, כ'וועל מיט דיר לייענען קריאת־שמע...

צווייטע מוהמע: „המפּיל"...

ערשטע מוהמע: כ'וועל דיך אויסטהון...

צווייטע מוהמע: וויל עס טהון.

די אַלמנה: נײן... נײן... כ'מוז בײַ איהם זיצען... כ'מוז בײַ איהם זיצען, (אָבגעהענדיג רעכטס) כ'וועל קײן פרעמדען נישט צולאָזען... איך אַלײן... איך אַלײן... בײַ מיר געהמט ער אַלץ... איך שלעף'ם אײַן... כ'זינג איהם ליעדעלעך (אב).

די מוהמעס: (געהען נאָך; קומען צוריק נאָך א ווײַלע, שטעלען זיך אויף דער שוועל, אײנע געגען דער אַנדערער).

ערשטע מוהמע: ווי געשווינד זי איז אײנגעשלאָפען...

צווייטע מוהמע: מיט אָפענע אויגען.

ערשטע מוהמע: אָבער זי חראָפּעט...

צווייטע מוהמע: עפּים צוגעשווינד... כ'מײן, זי נאַרט...

ערשטע מוהמע: נאָך וואָס?

צווייטע מוהמע: כ'ווײס? (פּויזע) און אפשר האָט זי פערגעסען... (זיפצט אָב) קום!

די מוהמעס געהען און שטעלען זיך אָב אין מיטען שטוב.

ערשטע מוהמע: זי קאָן זיך אויפחאַפּען, אַרייַנקומען אַהער און דערזעהן — (קוקענדיג אויפ׳ן קאַנאַבּיקעל) אויסלעשען?

צווייטע מוהמע: מען טאָר נישט... פערשטעלען? (רוקט עס אַב צום פענסטערווינקעל, אונטער דעם פאָרהאַנג, עס שימערט קוים).

ערשטע מוהמע: ס׳שטיקעל לייַנוואַנד (רוקט עס אויף איבער).

צווייטע מוהמע: דער שפּיגעל?

ערשטע מוהמע: ס׳איז פינסטער, זי וועט אפשר נישט זעהן... אומדרעהען טאָר מען נישט... קום... נאָך דאָס בייַנקעל... (רוקט עס צו אַ פענסטער צו, פערלעגט מיט איין עק פאָרהאַנג).

צווייטע מוהמע: און דאָס פוסען-בייַנקעל (רוקט עס צום צווייטען פענסטער צו, פערשטעלט עס אויך מיט׳ן עק פאָרהאַנג. פּויזע) זי האָט קיינעם נישט אין שטוב...

ערשטע מוהמע: צוויי איינזאַמע מענשען געוועזן... מיר וועלען באַלד צוריקקומען...

די מוהמעס: געהן צו דער טהיר ליַנקס, שטעלען זיך אָב.

די אלמנה: (באווייזט זיך אויף דער שוועל, זעהט די מוהמעס פון הינטען, שמייכעלט שעלמיש, ציהט זיך ראַש צוריק).

ערשטע מוהמע: וועלען מיר פערשליסען פון דער צווייטער זייט...

צווייטע מוהמע: פון דער צווייטע זייט...

די מוהמעס געהען אַרויס. (די טהיר ווערט פון דער צווייטער זייט פערשלאָסען).

די אלמנה (באווייזט זיך מיט׳ן פריהערדיגען שמייכעל אויף דער שוועל. קוקט זיך אום): אָבגענאַרט... (געהט איבער דער שטוב, טרעט אויף אַנ׳אייער-שאָל, עס קנאַקט. זי דערשרעקט זיך, בלייַבט

שטעהן, קוקט זיך אונרוהיג אום — דער בליק פערהאַלט זיך ביי דער לבנה אין פענסטער) די לבנה שיינט...

די גאַס שלאָפט (וויער ליעבלעך). קום חתן מיינער, שפּאַצירען... (גלייך זי נעמט עמיצען אונטערען אָרעם. שפּאַצירט) נור זאָלסט מיך נישט קושען... הערסט, האָסט צייט!... (בויגט צו דעם קאָפּ) די האָהר מעגסט דו... זיי שמעקען? — איך שמיר זיי מיט גאָר נישט... דאָס שמעקט מיין נשמה... אַזוי זאָגסטו? יאָ? — וואָס רעדסטו היינט אַזוי וועניג? דיינע ליפּען ריהרען זיך. און איך הער קיין קלאַנג... (שטעלט זיך אָב) וואָס קוקסט דו עפּיס אַוועק אָן אַ זייט?... (פּויזע, אונרוהיג) עפּיס פּיהל איך נישט דיין האַנד... דיך אויך נישט... (דערשראָקען) וואו ביזט דו? — אַה! (שמייכעלט) ערב שבת! געגאַנגען דאַווענען... (בעטראַכט זיך) און איך בין נאָך נישט אָנגעטהון! (וויל צו־געהן צו דער באַנק, בלייבט אַ ווײַלע שטעהן, שמייכעלט) ער וועט באַלד קומען און זאָגען (מאַכט נאָך) „גוט שבת"... אַזוי האַלב זינגענדיג: „גוט שבת"... און (שטעלט אויס דאָס מויל צום קושען) דערנאָך אויף און אָב: „שלום עליכם" (זינגט מיט אַ מענער־שטום, האַקט אָב אין דער מיט) ווי... נאָך נישט קיין ליכט געבענשט... (נעהמט פון שאַנק אַרויס ליכט און לייכטער — בענשט זעהר לאַנגזאַם ליכט, צולאַכט זיך אין מיטען) כ'זעה דיך! כ'זעה דיך דורך די פינגער — שוין צוריק געקומען... געה נישט צו, געה נישט... „שלום עליכם" זינג, כ'וועל מיך איבערטהון... לכבוד שבת... קוק נישט... נאַשער, קוק נישט... זינג! (זינגט „שלום עליכם", געהט צו צו דער שאַנק, עפענט די שאַנק־טהיר צום צושווער, בלייבט פערשטעלט ביי דער שאַנק, זאָגט אָהן ווערטער, און אָפט איבערגעהאַקט) פאַרוואָס זינגסט דו נישט? הערסט, ווי איך זינג? (בעווייזט זיך איבערגעטהון אין ווייסען) פאַרוואָס זינגסט דו נישט? — ביזט ברוגז? פאַרוואָס? (וויל זיך דעמאַהנען, הויבט העכער די ברעמען, בעמערקט דעם הענג־לייכטער, גלייך זי האָט פלוצלונג פערשטאַנען) אַה! יום־טוב, און נישט אָנגעצונדען

דעם הענג-לייכטער! ווילסט מעהר ליכט!

כ'קען דיך, ווילסט דיך באָדען אין ליכט — יום טוב... גוט, גוט... אַ מערכה. יום-טוב, נישט שבת... וואַרט, כ'וועל אָנצינדען... און מיט אַמאָל מיט צוויי ליכט (נעמט זיי פון טיש) רוק מיר אונטער אַ שטוהל! ווילסט נישט? — פאַר-וואָס? ביזט נאָך בייז? שלעכטער! (מיט טרעהרען) שלעכטער... ווי... שאָדט נישט! כ'קאָן אַליין (צורוקענדיג זיך אַ שטוהל מיט די פיס, אַרויפשפּרינגענדיג און אָנצינדענדיג) וואַרט, וואַרט — שפּעטיר, נאָכ'ן עסען... וועל איך ברוגז ווערען... איך (געהט אַראָב) ניין, ניין... ביזט נעביך אַ שוואַכער... (שטעלט צוריק די ליכט) נו, קום עסען... איך זעץ זיך... אַזוי... איך קום באַלד (געהט אָב רעכטס, ברענגט אַריין אַ לעערען טעלער מיט מעסער און גאָפּעל, שטעלט צום טיש, גלייך עמיץ זיצט איהר געגענאיבער) עס, לעבען מיינס, עס געזונדטערהייד... פיש מיט ראָזינקעס, ווי דו האָסט ליעב... עסט נישט? די אויגען פאַלען דיר צו?.. אי... מיר פערשטעהן זיך דערויף, וואַרט, כ'וועל דיך שוין וועקען (געהט ראַש אָב רעכט. קומט צוריק באָרוועס, איינגעהילט אין אַ ווייס ליילעך, איבערשרעקענדיג) בו — בו — בו! — וואו ביזט דו? האָסט זיך בעהאַלטען? וואָס איהם ליעגט אין זינען! כ'וועל דיך געפינען, כ'וועל דיך געפינען (זוכט איהם אַרום, אונטער שטוהלען, אונטערן טיש, אין שאַנק. בלייבט שוין מיעד) גענוג שוין... כ'בין מיעד... אַזוי פיעל נעכט נישט געשלאָפען! קום שוין... קום שוין... נאַ! (שטעלט אויס די ליפּען צום קושען) נאַ (דערלאַנגט אין דער לופט אַריין די צעפּ) כ'וועל דיך אַרומוויקלען... נו שוין... אַה! פון אונטער'ן איוועען אַהער געקומען... חאַ-חאַ-חאַ! (שטאָקט אין מיטען לאַכען) וואו געהסט דו וואו געהסט דו? עפּיס ווערסט דו מיר אַלץ דינער און דינער... (נאָכגעהענדיג) צום פענסטער?... צום פענסטער? ווילסט אַרויס פון פענסטער? כ'וויל נישט! כ'האָב מורא! (שטרעקט אויס די האַנד, ווי צום אָנכאַפּען ביי אַ פאָלע, שטרויכעלט איבער'ן קינדבייניקיל,

בעטאַפט דאָס בײַנקיל, רוקט אָב דערפון דעם פאָרהאַנג, דערזעהט די רעשטלעך פון סעודת־הבראה, אויסגעשריי) אָה! (שפּרינגט אָב ביז צו דער טהיר לינקס, פאַלט, פערגעסט זיך, שפּאַרט זיך אָן אָן בענקעל, די מוזיק שפּיעלט עטוואָס זעהר שטיל טרויעריגס).

ס'גערטיל שלאָפט אַיין... שלאָפט אַיין, טס... טס...
(די מוזיק גיט פויגעלצווישער, וואָס ווערט אַלע מאָל שטילער און זעלטענער).

די פויגעלעך, שטיל זינגענדיג, שלאָפען אַיין, שלאָפען איין... טס, טס! (נאָך שטילערע מוזיק).

ס'קלײנע וואַסער צווישען די בוימעלעך שלאָפט אַיין, שלאָפט אַיין.

און עס גלאַנצט, און עס ציטערט אַזוי שטיל, אַזוי שטיל...

אַ, דער ווײַסער שוואַן שווימט איבער'ן גלאַנץ אַזוי שטיל, אַזוי שטיל...

דער ווײַסער מלאך (מיט ווײַסע פליגעל קומט אָן זעהר לאַנגזאַם פון טהיר לינקס): טס... טס! (געהט אויף די שפּיץ פינגער צו דער אַלמנה צו. קוקט אויף איהר אַ ווײַלע מיט גרויס רחמנות און בעדעקט איהר דאָס פּנים מיט אַ ווײַסען פליגעל).

מוזיק (האַקט אָב מיט אַ צופלאַצטער סטרונע).

פאָרהאַנג.

# אַ פְּריה מָארְגֶען

(אֵיינאַקְטֶער).

# אַ פְרִיה מאָרגען (איינאַקטער)

## פּערזאָנען:

מנשה — איבער זיבציג, ליידט אויף די פיס; איין פוס שלעפּט ער נאָך, רעדט מיט זיך אַליין, ווי אַ שוין לאַנג איינזאַמער מענש.

חיים — זיין זוהן, אַ הענדלער מיט אַלטוואַרג; אַ יאָהר עטליכע און פופציג.

שרה — חיים'ס ווייב, אין זעלבען עלטער, האַנדעלט מיט אויבס.

רבקה — זייער טאָכטער, אַ געראָטען-מיידעל, אַ יאָהר 18-19.

לאה — איהר יונגערע שוועסטער, 15-16 יאָהר; בלוט-אָרעם, גייסטיג ניט-ענטוויקעלט. אַ בלייכע שענהייט מיט שטאַרקע אויגען.

יענקעלע — אַ קינד אין וויעג.

אַ שאַכער — אין פענסטער.

## די סצענע:

איין אָרימע שטוב, — אין הינטערגרונד: צוויי בעטען, פאַר איינעם פון די בעטען צוקאָפּענס — אַ קינדער-וויעג. צווישען די בעטען, אונטער איין אַלט ערטערווייז צופּלאַצט שפּיגעלע — אַ שטוהל מיט אַ בעקען וואַסער; אַ האַנדטוך אויף דער אָנלעהן און אַ קובעל אונטער'ן שטוהל. — רעכטס. פון פאָדערגרונד גערעכענט: אַ טהיר, קוימען-אויבען, אַ סעמטיל מיט קוילען; אַ געלעגער אויף אַ קאַסטען מיט צוגע-שטעלטע שטוהלען. לינקס — אַ פענסטער העכער — אַ בעט צוקאָפּענס און פון דער שטובזייט מיט איין אַלט הישפּאַניש ווענדיל פערשטעלט, ביים בעט — אַ קליין טישעל; דאַרויף אַ קליין נאַפט-לעמפּיל. העכער — אַ שענקיל. אין מיט שטוב, אונטער אַ פערגרינטען, מעשענעם הענגעל-לייכטער — אַ טיש, דאַרויף: אַ טלית-ותפלין-זאַק, אַ געהער-מאָרבע א. ד. גל. אין ווינקעל — זעק קערבע לערע און מיט אַ בוים און גרינס, אין צווייטען — אַלטוואַרג.

(פאָרהאַנג)

**שרה און לאה:** (שלאָפען אין בעט, פאַר וועלכען עס שטעהט די וויעג).

**שרה:** (האָט איין אַראָבגעלאָזטע האַנד, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געשאָקעלט די וויעג; די בעוועגט זיך נאָך זעהר לאַנגזאַם).

**חיים:** (ליגט אין צווייטען בעט; שלאָפט אונרוהיג, קרעכצענדיג).

**רבקה:** (ליגט אויפ'ן קאַסטען=געלעגער; די האָהר אַראָבגעלאָזט צופלאָכטען).

**מנשה:** (שוין אָנגעטהאָן; זיצט אויפ'ן בעט פאַר'ן טישעל; זאָגט עפּים זעהר שטיל און מיט אַ טרויעריגען נגון פון אַ סדור אַרויס).

(עס הויבט אָן גראָהען דער פריה=מאָרגען).

**מנשה:** (דערפיהלענדיג דאָס גראָהען פון טאָג, קושט דאָס סדור'ל, פערמאַכט עס: שטעהט זעהר לאַנגזאַם אויף, אויסגלייכענדיג זיך די פערזעסענע אַקסעל, און קוקט, אָנהאַלטענדיג זיך אָן אָנלעהן פון בעט, מיט מידע אויגען אין פענסטער אַריין) האָסט מיר נאָך אַמאָל אָפּגעגעבען דאָס פקדון... איך דאַנק דיר און דיין ליעבען נאָמען! (מיט אַ בלאַסען שמייכעל) דאַרפסט מיך דאָ נויטיג האָבען, וואָס? — נאָך אַ שטיקעל **חצות** פון אַלטען מנשה, נאָך אַ קאַפּיטעל תהלים (קורצע פויזע) — יודאַלעך פעהלט דיר, וואָס? (מיט אַ נישט פערשטעהענדיגען נאָר אונטערטעניגען בליק צום הימעל צו) האַ! אַז דו הייסט! (שלעפט זעהר זאַכט און מיט גרוים מיה דאָס וועגטיל אין דער ריכטונג צום קוימען צו, בלייבט דערמיט אין מיט שטוב, קוקענדיג אויף שרה'ן) אַראָבגעלאָזט די האַנד... הויט און ביין... און אָדערן... און ס'וויעגעל ריהרט זיך נאָך... נישט זי שלאָפט זיך אוים, נישט זי דערעסט... (מיט אַ בליק צום פענסטער) און דו הייסט. ד'זאָל איהר דעם לעצטען ביסען פון מויל אַרויסנעהמען... מילא... מן הסתם ווייסטו בעסער... (נעהמט זיך צום וועגטיל, לאָזט עס ראַש אָב) אָט ריהרט ער זיך, דער גזלן! (איילט צו צו דער וויעג, שאָקעלט זי) אַ... אַ... (געהט שמייכעלדיג צוריק צום וועגטיל) בעקליך, ווי די עפּעליך! און עס מאַכט מיט די ליפּליך, ס'פּרעסערל! די ברוסט

חלום'ט זיך איהם... קיין בייז אויג... קיין בייז אויג... (מיט א בליק צום פענסטער) ווילסט אפשר, ד'זאל נאך אן איהם נחת דערלעבען? עברי לערנען?... מהיכא תיתא — (טרויעריג) נור אבפיהרען אין חדר אריין וועל איך איהם שוין נישט... (זיפצט) נישטא קיין פים... (רוקט עטוואס האסטיגער דאס וועגטיל צום קוימען צו).

רבקה: (בעוועגט זיך אונרוהיג אין שלאף).

מנשה: (בעמערקט עס, לאזט פלוצלונג אב ס'וועגטיל). ווי ס'ווארפט זיך! מיינע, עליה השלום, אוים'ן אויג... (זיפצענדיג) היים בלוט, קאכענדיג בלוט... און — חלומות... גאט ווייסט, וואס פאר א חלומות... (פויזע) א גאנצען טאג געהט עס ארום — גארנישט... ביינאכט — חלומות (פון זכרון ארויס) „שיינדיל, וואס ווארפסט דו זיך אזוי?" (מיט א נאכגעמאכטער פרויען־שטימע פון שלאף ארויס) „איך? — איך — וואס פאלט דיר איין?" (נאך קורצער פויזע, מיט אייגענער שטימע) און ד'כלומר'שט צוריק איינגעשלאפען... און ווארפט פון זיך האלב אראב די קאלדרע... אין שטוב א קעלט... איהר איז היים... היים בלוט... (פויזע... רופט) רבקה! (די שטימע האט איהם אבער נישט נאכגעגעבען) ביז צו דער פאדלאגע די פלאמענדיגע האהר... א רויטער טייך, און אזוי מוז זיין די נשמה אויך... מיינע, עליה השלום, אוים'ן אויג, אוים'ן אויג! (רופט עטוואסהעכער) רבקה! (געהט צו, ריהרענדיג רבקה'ן ביי דער האנד) רבקה'לע!

רבקה: (וועקט זיך, עטוואס אונרוהיג) דו, זיידע, וואס?

מנשה: שפרינג איבער אין מיין בעט אריין...

רבקה: (געניצענדיג) וואס ביזט'ו אזוי פריה אויפגעשטאנען, זיידע?

מנשה: האסט שוין פערגעסען! זיי געהען פריה אוועק... דער טאטע האט דאך געכאפט עפים א מציאה, און האט נישט צו בעצאהלען, מוז ער זיך שאפען געלד... און די מאמע האט איינצוקויפען פאר דער מאדאם פימסענ'אליץ... אויף תנאים.

רבקה: (גענ‍יצט) אַהאַ — מאַניע ווערט אַ כלה — (כאַפּט אַרום זיך די קאָלדרע, שפּרינגט איבער אין מנשה'ס בעט אַריין).

מנשה: אַ ברען! מיינע, עליה השלום, אויס'ן אויג, אויס'ן אויג! (געהט צו, פערריכט איהר די קישען אונטער'ן קאָפּ).

רבקה: (קוים עטוואָס אונרוהיג) זיידע, דער חתן הייסט גאָלדשטיין?

מנשה: גאָלדשטיין — דעם תבואה סוחר'ס זוהן — (פּויזע) שלאָף, רבקה'לע, ה'ועל מאַכען טהיי — (רוקט איבער דאָס וועגטיל צום קוימען צו, אַזוי, אַז ער טיילט איהם אָב פון הינטער־גרונד. נעהמט אַרויס פון אַ קאַסטען ביים קוימען עטליכע קיהנעליך, צו־שניצט זיי זעהר דין, לעגט זיי קונציג אויס אויפ'ן קוימען, שיט דאַרויף דראָבנע קוילען, צינדט אונטער, שטעלט צו אַ טשײַניק מיט וואַסער פערברייהט טהיי; ווערענד דעם:

רבקה: (שטיל) זיידע, ווי הייסט דער חתן? — אויפ'ן נאָמען, מיין איך. (פערשווייגט, אַז מנשה הערט ניש).

שׂרה: (הויבט אויף דעם קאָפּ, בעמיהט זיך אַריבער־צוקריכען צום צווייטען בעט) ער שלאָפט נאָך, ברוך השם... (ביטערליך) אַז אַ מענש האָט אַ רוהיגען קאָפּ... מהיכא תיתא...

חיים: (עפענט די אויגען, זאָגט שטיל „מודה אני").

שׂרה: (אָבוואַרטענדיג ביז ער ענדיגט ברכה) און וואו ווערסט דו נעהמען געלד, חכם מיינער?!

חיים: ה'וועל געהן צום סקלאַדניק...

שׂרה: ער זאָל דיר די נשמה אַרויסציהען?

חיים: וועל איך אפשר ערגיץ כאַפּען...

שׂרה: מיר ליד?.. אויף וויפיעל פּראָצענט? (פּויזע) שווער, זייט מוחל, רוקט מיר צו ס'וועגטיל...

מנשה: (טהוט עס, בשעת דעם:

שׂרה: שווער, דעם פימסענהאָלץ'ס מחותן קענט איהר?

מנשה: גאָלדשטיינען? (זיפצענדיג) אַז כ'האָב פים געהאַט, פלעג איך פערדינען ביי'ן איהם אַ קערביל (געהט צוריק צום קוימען).

שׂרה: (זיך וואַשענדיג, פון אונטער'ם ווענטיל אַרויף) צוויי טויזענד גיט ער נדן... פימסענהאָלץ גיט אַודאַי.

מנשה: אַודאַי... פון כלה'ס צד קומט מעהר...

שׂרה: (אַרויפקומענדיג) און וואָס איז גאָלדשטיין? ווי לאַנג איז, אַז ר'איז אַ בעהעלפער געווען?.. און פימסענהאָלץ?.. פון דעם לוינט שוין גאָר נישט צו רעדען... אָבער, אַז מען טהוט די האַנד אין קאַלט וואַסער אַריין, העלפט גאָט! (מיט אַ בליק צו חיים'ס בעט) און דאָס... כ'זאָל נישט זינדיגען מיט די רייד...

מנשה: אַלץ ווענדט זיך אָן זיין ליבען נאָמען...

רבקה: מאַמע, ווי הייסט דער יונגער גאָלדשטיין?

שׂרה: (קעהרט זיך צו איהר אום פערבליפט אויף דער פראַגע).

יענקיל: (ריהרט זיך אין וויעג).

שׂרה: (פערגעסט אָן רבקה'ן, לויפט צו צו דער וויעג, געבענדיג צו וויגען; האַסטיג) ציה, ציה, גזלן מיינער — תכשיט מיינער — כ'זאָל שוין זוכה זיין צו הערען דיין ברכה איבער דער מילך! (דערמאָנענדיג זיך, צו רבקה'ן) וואָס האָסט עס געפרעגט, רבקה? — זי שלאָפט שוין.

חיים: (קומט אַרויף פון אונטער'ן ווענטיל, אָנגעטאָהן, צו שׂרה'ן און דו, האָסט נישט עפּיס געלד).

מנשה: (גיסט אָן צוויי גלאָז טהיי).

שׂרה: (אויפשטעהענדיג פון וויעג, אויסגלייכענדיג זיך די אַקסעל, און נעהמענדיג פון אַלטענ'ס האַנד אַ גלאָז טהיי) פון וואַנען?

חיים: (מיט עטוואָס תערומות) נישט געקאָנט נעהמען פאָראויס ביי דער פימסענהאָלץ?

שׂרה: (האַסטיג, זופענדיג דעם טהיי) הלואַי, ז'זאָל באַלד דערנאָך בעצאָהלען... ז'וועט שלעפען אַ האַלב יאָהר. (פויזע) און וואָס פאַר אַ מציאה האָסט עס געקויפט, לאָ'מיך נור הערען?

חיים: אַ שלום־ראָק — כמעט נאָך ניי — דריי פאָר

פלודערן, א סאַמעטען רעקיל — אַש־גראָה, גאָר פריש, א פיִדעל, — דאָס קעסטיל אַליין איז ווערט א הון... מאחאָן! עטליכע טאַליעס קאָרטען — מיט קריַיד, א קאָרטען־בערשטעל — א נייַ־זילבערן הענטיל, א וויַיס פעלציל — (מיטליַידיג) געמוזט עמיץ אוועק קומען ביַי דער פריצה... טרערען אין ד'אויגען האָט זי געהאַט... (קוממ, געהענדיג איבער דער שטוב, נאָהנט צו רבקה).

רבקה: (אונרוהיג) טאַטע, ווי זעהט אוים דער יונגער גאָלדשטיין?

חיים: (ענטפערט) וואָס אַ מויד האָט אין זין... טהו דיך בעסער אָן... זאָג ברכה און געה צו דער נייטאָרען.

שׂרה: (פאַרענדיג זיך ביַי די קערב וואָס זי בינדט צוזאַמען), זי וועט הייַנט נישט געהן... כ'וועל זי שפּעטער דאַרפען צו דער שטעל... לאָז זי נאָך ליגען — און וויפיעל האָסט דו דיך בעדונגען?

חיים: (נעהמענדיג די טאָרבע, אַרייַנלעגענדיג א שטיק ברויט און א ציבעלע, וואָס ער נעהמט פון שענקיל אַרויס) כ'האָב דאָך דיר געזאָגט זעקס רובל אָהן דרייַ־און־צוואַנציג גראָשען...

שׂרה: אֶפשר טאַקי א מציאה — —

חיים: אין לאה'לעס זכות...

שׂרה און מנשה: (קוקען איהם אָן פערוואונדערט).

חיים: (מאָטיווירענדיג) איך דינג זיך אַזוי מיט דער אַלטער פריצה... זי לאָזט נישט אָב... פּלוצלונג גיב איך א טראַכט: רבונו של עולם, לאָ'מיך עפּיס פערדינען פון לאה'לעס וועגען...

שׂרה: (פאַטשט מיט די הענד) רבונו של עולם, כ'האָב דאָך גאָר פערגעסען צו פרעגען... שוועָר, דער דאָקטער פון דער חברה איז געוועָן?

מנשה: געוועָן... (זיפצט) געהייסען שלאָפען א סך, עסען א סך, א ביסעל וויַין...

(פויזע).

חיים: (וואָס האָט עטוואָס אונרוהיג אָבגעוואַרט) ווי איך גיב דאָס אַטראַכט, ווערט זי, די אַלטע פריצה ווייך ווי אַ פּוטער — לאָזט זי אָב צעהנערליך, דערנאָך גילדענוויין... און גיט זיך פּלוצלונג אַ דרעה אויס צו דער וואַנד, און שטעלט מיר הינטען אַרום די האַנד: גיב שוין יוד, גיב!... די האַנד האָט איהר געציטערט, האָב איך איהר געגעבען אַדרויף... (הענגט זיך די טאָרבע איבער די אַקסעל, מיט אונרוהיגער הניפה) מיין איך טאַקי, אַז לאה'לע איז אַ שותף צו דער קניה.

שרה: (קוקט איהם אָן מיט חשד).

חיים: און זי זאָל טאַקי זיין אַנ'אמת'ער שותף... זי האָט דאָך איהרע פּאָר גראָשען...

שרה: (שפּרינגט אויף ווי געביסען) אה! צו דעם האָסטו געציעלט? דעם אָרימען קינד'ס פּאָר גראָשען, וואָס זי קלייבט זיך אָן פון שליחות? אַזוי? מיט'ן אָרימען קינד'ס געזונד, מיט'ן אָרימען קינד'ס נשמה ווילסטו האַנדלען...

חיים: (מאַכט אַוועק מיט דער האַנד, נעהמט זיך צום אַרויסגעהן).

רבקה: (וואָס איז איינגעשלאָפען, וועקט זיך אונרוהיג, צו מנשה'ן וואָס קומט איהר אויס אָס נעהנטסטען) זיידע, וואָס שרייט אַזוי די מאַמע?

מנשה: (אָברופענדיג חיים'ן) געה שוין, געה... זוך דיר אַ שותף אין גאַס... אַ גרעסער קרישאַלע נעהמען צוויי פייגעליך... שלינג נישט איין די וועלט...

רבקה: מאַמע, דער יונגער גאָלדשטיין טראָגט גאָלדענע ברילען?

שרה: וואָס זי האָט אין זינען! שלאָף! שפּעטער וועל איך שיקען נאָך דיר (אָב מיט די קערבליך).

(פּויזע).

רבקה: זיידע, וואו וואָהנט גאָלדשטיין?

מנשה: (מעכאַניש) אויף אונזער גאַס, אין גרויסען הויז.

רבקה: ער טראָגט גאָלדענע ברילען!

מנשה: מן הסתם... אַז איך פלעג אַריינקומען צום פאָטער, איז ער אַ קורצזיכטיג יונגעל געווען... היינט טראָגט ער אַודאַי ברילען, און, מן הסתם, גאָלדענע...

רבקה: אין גרויסען הויז וואָהנט ער? אין רויטען?

מנשה: זייער הויז... קעגען וואָס פרעגסט'ו?

רבקה. ויידע, זעה נור (נעהמט אַרויסמיט ציטעריגע הענד אַ פאָטאָגראַפיע פון בוזעם) דאָס האָב איך געפונען נעכטען אין גאַס...

מנשה: (נעהמט, בעטראַכט) דאָס איז ער דאָך, דער יונגער גאָלדשטיין... (אונרוהיג) געפונען אין גאַס?

רבקה: (ענטפערט נישט, דרעהט זיךאויס צו דער וואַנד, נאָך אַ ווײַלע הערט זיך איהר פערשטיקט געוויין).

מנשה: רבונו של עולם — וואָס איז דאָס? וואָס איז מיט דיר? רבקה, רבקה'לע? — ז'ענטפערט נישט... ווי זי ציטערט... ס'איז דיר נישט גוט? ס'שפּאַרט דיך ביים האַרץ... רבקה'לע, רבקה'לע... געבען דיר טהיי? רבונו של עולם, ווי זי ציטערט, ווי בלאַס זי איז... כ'געה עמיצען אַריינרופען... אַ רופא... ווען ס'איז... (רופט) לאה, לאה —

לאה: (וועקט זיך) וואָס ויידע?

מנשה: רבקה איז אַוועקגעפאַלען... געה צו איהר, כ'געה עמיצען רופען (געהט אַרויס בשעת).

לאה: (כאַפּט אויף זיך די קאָלדרע און געהט איבער צו רבקה'ן) איבער'ן וועג פערגעסט זי זיך, הויבט אָן עפּיס שטיל צו זינגען; פערגעסט דעם נגון, שטעלט זיך אָב, וויל זיך עפּיס דערמאָנען, (פערלעגט די הענד אויפ'ן האַרץ). דערפיהלט עפּיס האַרטס ביי זיך אין בוזעם, וואונדערט זיך, טאַפּט מיט דער האַנד, זוכט, נעהמט ענדליך אַרויס אַ זילבערנעם רינגעל שמייכעלט דאַצו — אַ שפּינגאַלע! (דערמאָנט זיך [illegible]

געהנטער צום בעט צו) רבקה זעהסט? (ווייזט איהר ס'קערביל). רבקה — רבקה, ביזט געשטארבען? עפען די אויגען, רבקה, אניט וועט מען דיך הייסען בעגראבען, רבקה...

רבקה: מען האט מיך שוין... בעגראבען...

לאה: (אבוועהרענדיג זיך פון שרעק) שקר! אין דער היים ביזט'ו... אין בעט!.. בעגראבען בעגראבט מען אין דר'ערד... און וויט, וויט פון דאנען (בערוהיגט און פערטראכט זיך. דערמאנט זיך אנ'ם רובל) זעהסט? און ווייסט ווער ס'האט מ'רגעגעבען? א יונגער מאן... עפיס א פרעמדער יונגער מאן... אין א גלאנצענדיגען צילינדער... אין גאסט-הויז שטעהט ער... הערסט, רבקה, כ'געה פארביי, דערזעהט ער מיך פון פענס-טער... ווינקט צו מיר, געה איך אריין... גיט ער מיר א רובל און א קוש... קום מארגען, זאגט ער, וועל איך דיר געבען צוויי... ר'וועט, זאגט ער, מיט מיר פאהרען אויף א שיף, און אלע טאג, זאגט ער געבען א קערביל... וויט, וויט... [illegible]עט מען פאהרען... ר'אט געפרעגט, צו ך'האב נישט א שוועסטער... זאג איך: יא... צו זי איז א שעהנע...

[illegible] האלט אין פערגעסען זיך. פלוצלונג) — וואס מיינט ער [illegible] רבקה! וואס ויל ער, רבקה? (רייסט זי) — רבקה! —

[illegible] אין גאס, ארײנקוקענדיג דורכ'ען פענסטער, [illegible] הויפט הילכעדיג) האנדעל, האנדעל, האנדעל..

פארהאנג.

# שאמפאניער

(איינאקטער).

# שאַמפּאַניער (איינאקטער)

## פּערזאָנען:

**גרונע** — איין אלמנה נאָך אַ סופר, אַ קליינע, מאָגערע, נערוועזע יודענע.

**מרים** — אַ פּערזאָנע, פון אַ יאָהר עטליכע צוואַנציג.

**סעריל** — איין עגונה פון אַ יאָהר 20.

**הדם** — אַ נייטאָרען=מיידעל; אַ יאָהר 16—17.

(מרים, סעריל, הדם — גרינעס דריי טעכטער:)

**דבורה** — אַ הויכע, שווערע יודענע, אָהן ברעמען.

## די סצענע.

שטעלט פאָר איין אָרימע קעלער=שטוב. די אויסגאנגסטהיר אין הינטער=גרונד. דער רעכטער ווינקעל איז הינטער אַהישפּאַניש ווענטיל. אז עס ווערט אוועקגעריקט, זעהט מען אַ צוזודערט בעט. אין לינקען ווינקעל—אַ בערגיל קאַרטאָפעל און אַ הויפען ציבעלעס. ביי דער וואַנד רעכטס — צוויי בעטען. לינקס — אַ שראַנק צווישען צוויי הויכע קליינע פענסטערליך אין גאַס אַרויף. אין מיט שטוב — אַ טיש, בענקליך.

### פארהאנג

**מרים:** (זיצט ביי'ם טיש, מיט'ן פּנים צום צושויער, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענד, געניצט פערוויסט).

**גרונע:** (קומט אַריין, שנעל אַרבייטענדיג אַ זאַק) ביי זיי חובות צו מאָגען! ווי פון אַ סמאָלע! (דערזעהט מרים'ן. מיט רחמנות) עס טהוט דיר דער קאָפּ וועה? (זיפצט אָב, נישט בעקומענדיג קיין ענפער, געהט זי אַרום טיש, קומט אוים מרים'ן פון אַ זייט, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ פאַר צער).

**מרים:** (הארט) ניין. (הייבט זיך אויף, געהט הינטער דער פארהאנג ארונטער).

**גרונע:** (קוקט איהר א ווײלע נאך, הערט זיך איין צו דער טהיר) אה, סעריל מיט'ן נאפט. (געהט צו צו דער לאמפ, מאכט זי צורעכט).

**דבורה:** (קומט אריין מיט א קײשעל) גוט'ן אבענד!

**גרונע:** (ענטטוישט) דו גאר... ס'קאצעל קומט!

**דבורה:** (שטעלט דאס קײשעל אויף דער ערד, רעכט בײ דער טהיר. איראניש). א שעהנער „ס'קאצעל קומט"... זאלען דיר בעסערע בשורות אנגעזאגט ווערען! (קומט א פאר טריט נעהנטער, שטעלט זיך אב, קוקענדיג אויף גרונען, מיט פארוואורף און מיטלייד) גרונע! (פויזע).

**גרונע:** (איבערוועלטיגט די אונרוהע) פון דארף קומסטו? (א בליק צום קײשעל).

**דבורה:** איינגעקויפט...

**גרונע:** אבגעטרעטען זיך אברוהען... מהיכא תיתא, זעץ זיך!

**דבורה:** ד'קען בעשטעהען! (געהט צו צום טיש, שפארט אן די הענד, קיין אויג פון גרונען נישט אראבלאזענדיג, מיט טיעפען שטראפענדיגען ערנסט) ווייסט, ווער, עליו השלום, דיין מאן איז געווען, גרונע?

**גרונע:** (פערבלופט, עפענט דאס מויל, געפינט נישט וואס צו זאגען, לאזט אב מיט דער רעכטער האנד דעם זאק, פערליערט דאס שפיועל)

**דבורה:** (נישט אבווארטענדיג אויף ענפער) א יוד א למדן, גרונע, איין ערליכער איד, א סופר! (פויזע) פלעגט פאר יעדער שורה פון דער הייליגער תורה טבילה געהן.

**גרונע:** (פערביסען) שקר... א פאר מאל אין וואך — אמת!

**דבורה:** (שטרענג) זיין זכות זאל אונז בײשטעהען, גרונע!

גרונע: (הויל) ער איז ניִשט בייגעשטאַנען!

דבורה: ווייל דו ביזט זינדיג, גרונע!

גרונע: (שפּרינגט אונטער, ווי פון אַ שלאַנג געביסען) איך?

דבורה: דו אַ סופר'ס איין אַלמנה און אַזאַ כשר'ן סופר'ס, פיהרט אַנדערש — די קינדער!

גרונע: (מיט אַ האַנד=בעוועגונג צו דער פאָרהאַנג) שוויַיג!

דבורה: זי איז דאָרט נישט דאָ!

גרונע: מרים'ל ליגט — דער קאָפּ טהוט איהר וועה — רעד — שטילער!

דבורה: (געהט נעהנטער צום פאָדערגרונד צו) אַ מיידעל היט מען... ד'וואָלט מיינע ווי אַ שלייען צוריסען!

גרונע: ציה נישט די אָדערן! רעד צו זאַך...

דבורה: (ביטער) וואָס איילסט'ך אַזוי צום נחת?

גרונע: ציה נישט די נשמה אַרויס, זאָג איך!

דבורה: (זעצט זיך שווער אויף אַ בענקיל) אין דאָרף בין איך געגאַנגען. פאַרבייגעגאַנגען דאָס גערטיל מיט דער רעסטאָראַציע, וואו די מוזיק שפּיעלט... הער איך זי? מוזיק פעהלט מיר! ד'קוק מיך אפילו ניט אום... ווער מיר גערטיל... ס'וואַקסט מיר אַ מויד אין גראָהען צאָפּ אַריין. פון מיינע עסקים וועט קיין נדן נישט זיין... געה איך... נישט די אויגען זעהען, נישט די אויערען הערען... פּלוצלינג — אַ געלעכטער! ד'קוק מיך אום, דערזעה'ך..

סעריל: (אַריינקומענדיג), אָט מאַמישע, נאַפּט! (וויל צו געהן צום טישעל, בעמערקט דבורה'ן, שטעלט אַוועק אויף דער ערד ביי דער טהיר; צו דער מוטער), וועסט אַליין אָנגיסען! (וויל געהען הינטער דעם פאָרהאַנג אַרונטער).

גרונע: (זעהר נישט דרייסט) מרים האָט זיך געלעגט, דער קאָפּ טהוט איהר וועה...

סעריל: (פערהאַלט זיך) וועסט קאָכען, מאַמישע, קאַרטאָפעל?

דבורה: און מיר קומט נישט קיין גוט'ן אבענד?

גרונע: (גלייכצייטיג) קארטאפעל!

סעריל: (נעמט א טאפ קארטאפעל מיט א מעסער צום שיילען און געהט צו דער טהיר).

גרונע: ס'איז קיהל, סעריל!

סעריל: (נישט ענפערנדיג, אב):
(שווערע פויזע)

גרונע: און וואס האסט דו דערזעהען, דבורה?

דבורה: הלואי וואלטען עס מיינע אויגען נישט געזעהן! יאגט נאך א קאפעליוש א צנועה... פון רעסטאראציע... איבער דער לענג פון צוים... זי קנאקט צוקערקעס און לאכט, ס'קליידעל שוועבט, ער — נאך... יאגט ער זי, חאפט זי א א הויפען בלעטער און שמייסט איהם, אין פנים אריין... און לאכט... און לאכט!

גרונע: (איראניש) האסט דיך צוגעקוקט?

דבורה: כ'האב דאס לאבען דערקענט!. (פויזע)

גרונע: הדס'ל?!

דבורה: דו האסט געוואוסט?! וואס? א חתן איז עס?

גרונע: ניין...

דבורה: נישט? און דו... האסט געשוויגען?

גרונע: יא!

דבורה: גרונע!

גרונע: (שטעלט אוועק דאס לעמפיל אופ'ן טיש. שנײדענדיג רוהיג) שווייג אצינד דו, און הער, וואס איך וועל דיר דערצעהלען (אנחאפענדיג דבורה'ן ביים ארבעל, גייט, זי זאל זיך זעצען.) אלץ וועל איך דיר דערצעהלען, איין גאט אין הימעל וועט אונז הערען!

דבורה: (זעצט זיך צוריק)

גרונע: אז מיין מאן איז געשטארבען —

דבורה: ווי אזוי רעדסט דו עפּיס, גרונע?

גרונע: ווי אזוי זאל איך רעדען?

דבורה) אהן „זכרונו לברכה"? און־נפטר־געווארען" זאגט מען?

גרונע: אלץ איינס. נפטר געווארען צו געשטארבען; בעגראבען האט מען איהם...

דבורה: צו קבר אבות געקומען...

גרונע: זאל זיין; צו קבר אבות... נור מיך האט ער איבערגעלאזט מיט דריי יתומים — טעכטער...

דבורה: נעביך. אוועק געגאנגען אהן א קדיש פון דער וועלט...

גרונע: דריי טעכטער. די עלטסטע

דבורה: (מיט א בליק צו דער פארהאנג) מרים — — — —

גרונע: אלט געווען 19 יאהר...

דבורה: ביי לייטען איז אזוינס א כלה...

גרונע: ביי אונז איז קיין ברויט נישט געווען; פון לעקעך עסען נישט צו רעדען...

דבורה: ווי אזוי רעדסט'ו עפיס היינט, גרונע!

גרונע: נישט איך רעד, די צרות רעדען... דאס שענסטע מיידעל אין שטאט געווען...

דבורה: היינט אויך... קיין עין הרע!

גרונע: היינט איז זי א זויערע לימענע — א גראהער צאפ! נור דעמאלט האט זי געלויכט ווי די זון... איך בין דעמאלט דעם פרומען סופר'ס אלמנה געווען, איך האב זי, ווי איין אויג אין קאפ געהיט... איך האב געוואוסט, אז היינטיגע צייטען... עס דרעהן זיך ארום כלי־זמרים, שניידערלאך, אזוי דייטשלאך און אלטע בחורים... בית־המדרש'ניקעס אפילו פלעגען זיך דרעהען ביים פענסטער... נור אויף וואס איז א מאמע? א כלה־מיידיל, האב איך געוואוסט, דארף זיין ווי א שפיגעל... און איך האב מיינס בעוויזען. עס איז אויף איהר קיין הויך נישט געפאלען! געהיטען האב איך זי, געהיטען,

קיין אויג ניט אַראָב געלאָזט. קיין טריט פון שטוב אָהן מיר נישט געמאַכט. און אַלץ מוסר געזאָגט... קוק נישט אַהער, קוק נישט אַהין, דאָ שטעל דיך נישט, דאָ מעק דיך נישט... קוק נישט, ווי פייגעלעך פליהען...

דבורה: זעהר וואויל...

(פּויזע)

(מרים און סעריל בעוויינען זיך, פון גרונע און דבורה נישט בע־מערקט, אין טהיר. זעהען, אַז די לעצטע איז נאָך דאָ און ציהען זיך שטיל צוריק).

גרונע: (ביטערליך) וואויל ווי די וועלט! אָבער ווי זעהט זי אויס! איין אֶמת ערליך מיידעל, נור 36 בעשריבענע יאָהר! דאַר, די ביינער צו צעהלען, אַ גערינצעלטע הויט, ווי פאַרמעט צו תפילין. אויגען פערלאָשענע, דאָס פנים זויער, אָהן אַ שמייכעל — אייביג פערביסענע ליפּען... גאַנץ אָפּט ברענען דאָך אויף די פערלאָשענע אויגען; דאָס ברענט דעמאָלט אין זיי אַ שנאה, אַ האַס ווי אַ גיהנם... און ווייסט דו צו וועמען? ווייסט דו וועמען זי האָט פיינט? וועמען, מאַכענדיג מיט די ליפּען, זי פערשעלט די ביינער?

דבורה: וועמען?

גרונע: מיר! מיר — איהר אייגענער מאַמען!

סעריל: (קומט אַפער פון אונטער דער פאָרהאַנג, קוקט מיט האַס צו דער פערציטערטער מוטער. געהט אַרויס).

גרונע: האָסט געזעהען?

דבורה: אָבער — פאַר וואָס?

גרונע: זי אַליין ווייס אֶפשר נישט פאָר וואָס, נור איך ווייס! איך האָב מיך געשטעלט צווישען איהר און דער וועלט, צווישען איהר און דער זון! איך האָב איהר, ווי זאָל איך דיר עס זאָגען? קיין וואַרעמקייט און קיין ליכט צום לייב נישט צוגעלאָזט... גאַנצע נעכט האָב איך דעריבער געקלערט, ביז איך בין עס דערגאַנגען, אויף קלאָר דערגאַנגען! זי מוז מיך פיינד

האָבען... יעדעס קעמערל פון איהר לייב האָט מיך פיינד!

דבורה: וואָס רעדסט דו?

גרונע: וואָס דו הערסט! די שוועסטער האָט זי אַ וודאי פיינד, שענער זענען זיי און יונגער (חאַפּט שווער דעם אָטהעם).

דבורה: רבונו של עולם!

גרונע: (הייזעריג) די יונגערע, סערל'ן, האָב איך שוין אין דער היים נישט געהאַלטען... איך האָב זי אָבגעגעבען פאַר אַ דינסט...

דבורה איך האָב טאַקי געשריען געוואַלט, מעשים געטהון... אַ סופר'ס אַ טאָכטער פאַר אַ דינסט...

גרונע: איך האָב געוואָלט חאָטש זי חתונה מאַכען. זאָל זי חאָטש אַ ביסל נדן האָבען... פון מיינע קאַרטאָפּעל און ציבעלעס, מיט וועלכע איך האַנדעל, קען מען קיין נדן נישט אויפקלויבען... און זי האָב איך אויך געהיט... נישט אַיין בעל־הבית האָט אויף איהר איין אויג געוואָרפען; נישט איין בעל־הבתיש קינד האָט זיך געוואָלט פון איהר אַ שפּילעכעל מאַכען...

דבורה: ימח שמם וזכרם!

גרונע: בין איך דאָך אָבער אַמאַמע! אַ געטרייע מאַמע געוועזען! די פיס האָב איך מיר אָבגעהאַקט! צעהן מאָל אין טאָג ביי איהר אין קיך געוועזען, געוויינט, גע'חלש'ט, מוסר געזאָגט...

דבורה: שטראָפען מוז מען, איך שטראָף מיינע אויך...

גרונע: גאַנצע נעכט בין איך נישט געשלאָפען; דעם קו־הישר געלייענט און אַנדערע היילינגע ספרים אויף עברי־טייטש, און צו מאָרגענס איהר אַלץ איבערדערצעהלט... און נאָך אייגענס צו געלעגט גאָט זאָל עס מיר מוחל זיין...

דבורה: מוחל זיין?

גרונע: פאַר דער ליגען! פון דריי שדים האָב איך געמאַכט צעהן... פון אַ שמיץ — קאַסטרווי! מיט פייער האָב

איך געשיט! און א שוואך קינד איז עס געווען: א שוואך כשר קינד, עס האט זיך געלאזט פיהרען!.. דער טאטע אויס'ן אויג — בלאס אהן א ביסל בלוט, און אזוינע גוטע, פייכטע אויגען — נור שענער איז זי געווען...

דבורה: דו רעדסט, רחמנא ליצלן, פון איהר, ווי פון א טויטען!

גרונע: און דו מיינסט, זי לעבט? איך זאג דיר: זי לעבט נישט! זי האט אנגעזאמעלט נדן, און איך האב איהר א מאן געגעבען! זי האט נעבּיך געוויינט, אז זי וויל איהם נישט, אז ער איז צו גראב, צו פראסט פאר איהר. נור אלערן קינד נעמט נישט קיין דינסט-מיידעל, בפרט מיט דרייסיג רובל נדן! איך האב געדאנקט גאט, ווער עס איז! — א שניידער-יונג איז א שניידער יונג! נו, האט ער מיט איהר א יאהר געלעבט, צוגענומען דאס געלד, מיט'ן רעשט ביסל כח און איז אוועק... נאקעט און בלויז האט ער זי מיר אבגעשטעלט, נור — מיט א לונג פעהלער! זי שפייט מיט בלוט!.. א שאטען איז עס שוין, נישט קיין מענש... עס טוליעט זיך צו מיר, ווי א קליין קינד, עס לעגט זיך, ווי א לעמעלע! און גאנצע נעכט וויינט עס... און ווייסט דו, אויף ועמען זי וויינט?

דבורה: אויפ'ן מאן, ימח שמו?

גרונע: ניין, דבורה. אויף מיר וויינט זי! (געהט צו צום קוימען מאכט איבער דער גאנצער צייט פייער און קען עס נישט מאכען) איך האב זי אונגליקליך געמאכט (בלאזט) איהרע טרערען פאלען מיר אויפ'ן הארץ, ווי קאכעדיג בליי — זיי סמ'ען מיך די טרערען.. (בלייבט שטיל, קוים האפענדיג דעם אטהעם)

דבורה: הכלל?

גרונע: הכלל? (בלאזט האסטיג) הכלל, האב איך מיר געזאגט: גענוג! זאל מיין דריטע טאכטער שוין לעבען! לעבען זאל זי ווי זי וויל! זי פערדיענט מיט דער נאדעל, 16 שעה אין טאג ארבייט זי, קוים טריקען ברויט פערדיענט זי...

זי וויל צוקערקעס אויך, זאָל זי עסען! זי וויל לאַכען, שטיפּען, קושען זיך — זאָל זי! הערסט דבורה — זאָל זי! איך קען איהר קיין זיסע זאַכען נישט געבען, קיין מאַן אַוודאַי נישט! אַ ציטרין פון איהר מאַכען, וויל איך נישט! אַ לונגען־פּעהלער געבען — נישט. נישט! זאָל שוין איין טאָכטער מיך נישט האַסען. אויף מיר נישט וויינען! (בלאָזט)

דבורה: (שרייט אויס דערשראָקען) אָבער גרונע, וואָס וועלען זאָגען לייט?

גרונע: זאָלען לייט פריהער אויף אָרימע יתומים רחמנות האָבען. נישט אַרבייטען מיט זיי, ווי מיט אייזלען אומזיסט; זאָלען מענשען האָבען הערצער פון מענשען און נישט האַלטען אָרימע לייט צו אויסדריקען ווי לימאָנען...

דבורה: און גאָט? גאָט ברוך הוא!

גרונע: (הייבט זיך אויף, שרייט, גלייך זי וואָלט וועלען, גאָט זאָל אין הימעל הערן) האָט גאָט געזאָלט פריהער יענע פערזאָרגען!.. (אַ שווערע שטילקייט, ביידע ווייבער אָטהמען שווער. ביידע שטעהען זיך אַ קעגען מיט בליצען אין די אויגען).

דבורה: (שרייט) גרונע! גאָט — גאָט וועט שטראָפען!

גרונע: נישט מיך, נישט מיינע טעכטער! גאָט איז ערליך. ער וועט עמיץ אַנדערן שטראָפען! עמיץ אַנדערן!

(אַ שטימע אונטער דער טהיר: טריי־לאַ־לאַ טריי־לאַ־לאַ).

גרונע: מיין פויגעל, מיין זיסער פויגעל! מיין זינגענדיגער!

הדס: (פאַלט אַריין לוסטיג, עטוואָס פערדרעהט) טראַ־לאַ־לאַ! אַה דבורה נביא'תע... דבורה די זאָגערין, דבורה די טוקערין — חאַ־חאַ־חאַ!

דבורה: (צוגעהענדיג צו הדס'ן) שטיל דו חצופה, (פאַלט צוריק) מען פיהלט דאָך פון דיר — בראָנפען פילט מען דאָך.

גרונע: (רוקט זיך פערציטערט צו צום טיש, חאַפּט זיך אָן בײַם טיש נישט צו פאַלען).

הדס: שקר! בראָנפען האָט דײַן טאָכטער מיט איהר קבצנישען יאָלד געטראָגען! דאָס האַלט זי בײַ בראָנפען...

דבורה: שווייגסט, חצופה...

הדס: נײַן... זי טרינקט בראָנפען!.. אַ פאָניע איז ער. אַ רובאַשקע טראָגט ער... אַ האַלז ווי אַ קעלער! (לאַכט שטיל)

דבורה: דער׳הרג׳נען געה איך זי (בייגט זיך צום קײַשעל האַפּט עס, פערשיט די „סחורה״, קלויבט צוזאַמען געריווען)

גרונע: נישט דאָס האָב איך געמיינט... נישט אַזוי ווייט (מיט פאַרוואָרף אַרויף) נישט קיין רחמנות געהאַט... גע־שטראָפט, און אַזוי האַרט...

הדס: (גלײַבגילטיג וואָס האָט איבער דער צייט געלאַכט אָהן אַ קול)

שאַמ — פּאַ — ני — ער!

פאָרהאַנג

# ס'בְּרֶענְט

(אֵיין אַקְטֶער).

# ס׳בּרענט (איין אקטער)

---

## פּערזאָנען:

**שמריה:** איבער זיבציג
**חנה רויזע:** זײַן ווײַב אַיאָהר צוויי און צוואַנציג
**דוד:** שמריה׳ס שטיף זון
**א יוד:** אין פענסטער.

---

## די סצענע.

(א בעלביתטישע שטוב מיט אַ טהיר אין הינטערגרונד אין קיך אריין. אין קיך קעגען דער טהיר אין שטוב רעכטס, פון פאָדערגרונד און אַרויף אַ קאַמאָד, אַ פענסטער אין גאַס אַריין, אַ שאַנק און אין ווינקעל הויך אָנגעלייגטע זעק מיט תבואה, לינקס — אַ באַנק בעטיל אונטער אַ הישפּאַניש ווענטעל, צום פאָדערגרונד צו אָפען; צוויי הויך אויפגעבעטע בעטען, אין דער מיט, אונטער אַ הענגעל לײַכטער — אַ טיש מיט שטולען אַרום).

**צייט!**

צו תקון שבועות.

---

**דוד:** (ליגט אויפ׳ן באַנק בעטיל)
**שמריה** (ענדיגט דאָס בענשען)
**חנה רויזע:** (האָט געענדיגט, קוקט אונרוהיג צום הישפּאַנישען ווענטעל, דער נאָך צו שמריה׳ן, נעמט זעהר שטיל צונעמען די טעלער פון טיש, געהט אויף די נעגעל צו דער קיך צו).

שמריה: אדני עוז לעמו יתן, אד׳ יברך את עמו בשלום!

אַ יוד (קומט צו פון דרויסען צום פענסטער, ווארפט אַ איראָנישען בליק צום שפּאַנישען וועגטעל, זוכט מיט די אויגען חנה רויזען אין קיך; שמייכעלט; דערנאָך הויך צו שמריה׳ן): גוט יום טוב ר׳ שמריה...

שמריה: (דרעהט זיך צו איהם אויס, אונרוהיג) גוט יום טוב, גוט יאָהר...

דער יוד: (מיט אַ בליק צום וועגטיל) ליבער אייער גאַסט! נישט געגאַנגען אַפילו דאַווענען?

שמריה: אַזוי ליגט ער אין דער פענסטער... אפילו צו דער סעודה נישט געגאַנגען (פון צאָרן בעהערשט) אַהיים געקומען... אַ שותף צום הויז!

חנה רויזע: (וואָס האָט געוואַשען ס׳געפעס ביי דער קיך זיך אויסדרעהענדיג מיט פאַרוואורף) שמריה!

דער יוד: נו אַ שותף איז ער דאָך... איהר האָט אויך געקויפט מיט זיין מוטר עליה השלום דאַכט זיך, אייער דריטע ווייב —— בשותפות? (פויזע) איהר גייט צו תקון שבועות?

שמריה: אַוודאי, וואָס איז די שאלה?

דער יוד: כ׳מיין, ווייל ס׳איז שפּעט. (פויזע) איך געה שוין (אָב)

שמריה: (נאָכלויפענדיג) ברעך די פּיס! (מאַפּעט שווער, פערררייבערט אַ ציגאַר; רופט) חנה רויזע! (העכער) חנה רוי-זע-לע!

חנה רויזע: (אַריין קומענדיג) וואָס? (בלייבט שטעהן ניט וויט פון טהיר, ווישענדיג זיך בערוועגו די הענד אָן פאַרטוך)

שמריה: ווי געפעלט דיר מיין שטיף זונדעל און דיין שיעור —— נישט —— געוועזענער...?

חנה רויזע: שמריה, ער הערט דאָך יעדעס וואָרט.

שמריה: וואָס? נישט אמת? נישט געשדכנט זיך צו

דיר? — אי״ה באלד מוצאי יו״ט צאָהל איך איהם אוים זיין חלק און היידאַ!

חנה רויזע: אָבער וואָס האָסטו פון מיר געוואָלט?

שמריה: פון דיר?

חנה רויזע: האָסט דאָך מיך גערופען.

שמריה: און אַז כ׳האָב גערופען, גייט מען צו נעהנ־טער. הע? און ווען אַ יונגער מאַן רופט דיך?

חנה רויזע: (צוגעהנדיג) ס׳וואַסער ווערט מיר קאַלט.

שמריה: מיר — דאָס האַרץ (פייזע) כ׳געה צו תקון שבועות!

חנה רויזע: (דערשראָקען) געה נישט! (האַפּט זיך) חמאַ־דעם, ס׳וועט רעגענען...

שמריה: (וואָס האָט אויף חנה רויזען געקוקט אַ לאַנגע ווײַלע מיט קאַלטען חשד) שאַט נישט! כ׳בין נישט פון צוקער און כ׳שמעק דיר נישט ווי צוקער (נאָך אַקורצער פויזע צאָרניג) און לײַטען געלעכטער וויל איך נישט זיין... ס׳דאַרף קיינער נישט וויסען הערסט?

חנה רויזע: (זיך קוים אײַנהאַלענדיג פון ווײַנען) קוועל נישט שמריה, כ׳בין אַזוי קראַנק..

שמריה: נו... נו! פּריציִשע קרענק, כ׳וויל זאָלסט דיך מאַרגען צו דער שוהל אָנטהון. הערסט? זאָלסט מיר נישט פערשטערען דעם יום־טוב ווי פסח! כ׳וועל דיר אַרויסגעבען די ציהרונג, דערנאָך וועסטו אַ תירוץ האָבען: כ׳האָב דיך נישט געוואָלט וועקען! נעם דיר אַרוים ס׳קלייד... ס׳נײַע.

חנה רויזע: נאָך וואָס?

שמריה: זאָלסט געהן אין שוהל אַרײַן, ווי אַ מענש! ווי עס פּאַסט פאַר שמריה תבואה־סוחר׳ס. גענוג חרפות און בושות געהאַט פסח! — געגאַנגען אין שוהל אַרײַן אין דעם אַלטען קלײַדעל, און וועלבען די קבצנישע קרובים האָבען זי אַרוים־

געפּאַקט! פון פסח אַ תשעה באב געמאַכט! און אֶפשר האָסטו זיך מיט עפּעס אַנדערש געפרייט.

חנה רויזע: איך? —

שמריה: כ׳ווייס? גענוג שמחה געהאַט, אַז דו האָסט אייגענע מצות געגעסען!

חנה רויזע: (איראָניש) אייגענע!

דוד: (שפּרינגט אויף, האַלט זיך קוים איין און זעצט זיך צוריק)

שמריה: אַלץ נישט פון מעות חטין! (פויזע)

חנה רויזע: וואָס ווילסטו פון מיין לעבען?

שמריה: וואָס ווילט איהר פון מיין לעבען? שווייגסט?? חע־חע־חע, צנועה מיינע!... כ׳בעט דיך, אַז דער הימעל שפּאַלט זיך, וואָס וואָלסטו געבעטען?

חנה רויזע: דעם טויט!

שמריה: (נאָך אַ פריפּענדיגע פּויזע) פאַר וועמען?

חנה רויזע: (אויסהאַלטענדיג דעם בליק) פאַר מיר...

שמריה: אַזוי! ביזט דו נאָך טאַקע אַ כשר ווייבעל — קריגסט אַ מתנה דערפאַר — ציהרונג (עפענט דעם קאַמאָד, זוכענדיג) אַזוי אַז מ׳איז אַ געטריי ווייבעל! חע־חע־חע! (ארויס נעמענדיג) שנירלעך פערעל!

דוד: די ירושה פון ערשטען ווייב!

שמריה: (גלייכצייטיג) אַ פריצה — (זיך אומקעהרענדיג צום זוענטיל) וואָס ברומט ער דאָרט דער אַפּיקורס? (צוריק צו חנה רויזע) אַ פריצה מעג זיי טראָגען (צום וועגטיל) אָנגעגעסען זיך מיט טרפות, ברומט אין איהם! (צו חנה רויזע) אַ קונציג שלעסעל מיט אַ ברילאַנטעל, (צום וועגטעל) הערסט? געהאַט אַ דין תורה מיט איהרע יורשים; מ׳האָט עם מיר צוגעפּאַסקענט! (צו חנה רויזע) אַ חראַבינע מעג עם טראָגען. נאַ, נעם, טראָג געזונדערהייט!

חנה רויזע: (נעמט און פערליערט פון די האַנד אויפ׳ן טיש ארויף די פערעל)

שמריה: אַסטראָזשנע! (וואַרט ווייטער אינקאַמאָדע, אַרויסנעמענ־דיג) און אָט אוירינגלעך!

דוד: (עטוואָס שטילער) פון צווייטען!

שמריה: אַפּילו פערגרינט; נאָך יום טוב — אויספוצען; קרייט ב"ה פעהלט נישט. און אחרון, אחרון חביב — קענסט דאָך לשון קודש — ער האָט דאָך דיך געלערנט? — אַ קייט און זייגער (דרעהט זיך אויס צום ווענדטעל צו, רעדט נישט עפּעס דוד)

חנה רויזע: שוין אַלע דריי ווייבער!

שמריה: (דערהערט, דרעהט זיך האַסטיג אויס) פּאַסט דיר נישט? קיין איינציגע פון מיסט נישט אויפגעהויבען! אַלע חתונה־קליידער און נדן געהאַט (אַרויסגעהענדיג) פערשטעק דעם לאָדען, כ'וועל דיר צוקלאַפּען. (אָב)

חנה רויזע: (געהט צו צום פענסטער)

(פּויזע)

שמריה: (פון דרויסען נאָכ'ן צוקלאַפּען פון לאָדען) שוין?

חנה רויזע: (וואָס האָט דעם נאָגעל פון האַנט אַרויסגעלאָזען, מעכאַניש) שוין.

דוד: (אָבּרוקענדיג דאָס ווענטעל) חנה רויזע!..

חנה רויזע: (דרעהט זיך אויס דער שראָקען) אָח!..

דוד: (אויפשטעהענדיג) ווילסט מיר אַפּילו נישט ענטפערען?

חנה רויזע: (אָטהעמט שווער אָבּרייסענדיג ס'טיכעל פון האַלז) מען טאָר נישט, דוד,

דוד: (פערוואונדערט) וואָס?

חנה רויזע: כ'בין איין אשת איש, נישט דאָס וואָס געוועזען!

דוד: וואָס איז מיט דיר, חנה רויזע?

חנה רויזע: חאָטש דו קוועל מיך נישט, דוד!

(זי קען נישט אָבּרייסען דעם בליק פון בענטש־ליכטעל וואָס צאַנקט, טוקט זיך און פלאַמט אויף) ס'וויל נישט שטארבען... ס'וויל נישט אויסגעהען... ס'מוז אָבער... אַלע מוזען! (דאָס ליכטעל פערלעשט זיך מיטן לעצטען אויפפלאַמען).

דוד: חנה־רויזע!

חנה רויזע: און אין מיר צאַנקט און צאַנקט די נשמה יאָהרען — לאַנג, יאָהרען — לאַנג!

דוד: (געהט אָב פון ווענטיל) קיין וואָרט פאַר מיר האָסטו נישט! (געהט אויף און איבער דער שטוב. פון זיין גאַנג צווייגט זיך דער הענגלייכטער, ביי דעם שוואַכען ליכט פון דעם קיך לעמפיל טאַנצען ארום שאָטענעס אויף די ווענד. חנה רויזע יאָגט זיי נאָך מיט פערשטאַרטע אויגען. דוד׳ס טריט ווערען האַסטיגער און וועקען זי פון די שווערע געדאַנקען. זי זעצט זיך און פערברעכט די הענד).

חנה רויזע: שוין דריי טעג און דריי נעכט אַזוי... אויף און אָב, אויף און אָב! (חאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ) משוגע צו ווערען! אויפ׳ן בלויסען האַרץ טרעט ער מיר!

דוד: (געהט צו צום ווענטיל) זאָגסט מיר עפּיס, חנה רויזע?

חנה רויזע: (איבערשראָקען) ניין, ניין!

(פּויזע)

דוד: (נאָך אַוויילע) וואָס האָסט דו מיר געטהון חנה רויזע?! וואָס האָסט דו אונז ביידע געטהון?!

חנה רויזע: (מיט אַ קול אָהן אַ קלאַנג) וואָס ווילסט דו פון מיר, דוד! האָב דו רחמנות אויף מיר!

דוד: פאַר וואָס האָסטו אין מיר נישט געגלויבט, חנה רויזע!

חנה רויזע: (ווי פריהער) קוועל מיך נישט דוד — גאָט איז מיין עדות! אַ שוואַכע בין איך... האָסט מיך אַ רגע ארוים געצויגען פון דער פינסטער, דערנאָך, אַז דו ביזט אַוועק בין איך צוריק אריינגעפאַלען אין דער פינסטערניש! — זיי האָבען מיך לייכט איבערגעוועלטיגט, איבערגערעדט... זיי האָבען מיר אויפ׳ן קאָפּ פּלעקער געשלאָגען! „נור געלערנט האָט ער דיך"... דאָרט פעהלען קיין כלות נישט... „ער האָט דיר דען עפּעס צוגעזאָגט?!" — „ער שרייבט דען?"

ד ו ד: (עמפערט) כ׳האָב געשריבען! חנה רויזע כ׳האָב גע־שריבען!

חנה רויזע: האָט מען אונטערגעשלאָגען! —— און אין דער פינסטערער אָרימקייט... ווייס איך? — און יעדער ביסען־ברויט האָט געשטיקט, יעדער טרונק־וואסער געוואָרגען! פון קראַנקע קינדערס מויל אַוועק גענומען... און די וויסט—אַ שוואַכע בין איך; אַ מענש אָהן בלוט... אַ פליג... איז גע־קומען די שפין... (פויזע) אַ שוואַכע פליג!

ד ו ד: ווייל דו האָסט ניט געגלויבט, חנה רויזע!

חנה רויזע: אֶפשר... נאָר יעדער ביסען האָט גע־שטיקט, יעדער טרונק־וואסער—געוואָרגען... איז ער געקומען... אַרום און אַרום געשפינט אַלע, אַרום גענומען! און דאָך בין איך איינע אַליין... איינע אַליין, אַ יתומה... און אָהן כח... בין איך אין פינסטערען קבר אַריינגעשפרונגען... איך בין אַליין שולדיג... ווען אַ פונק שכל... אַ פונק... און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ לעבען, אַ לעבען... שרעק, פיין, עקל... און נעכט... נעכט! דוד, איך בין גענוג בעשטראָפט געוואָרען!

ד ו ד: נישט דיין שטראָף וויל איך! בעפרייען וויל איך דיך, בעפרייען!

חנה רויזע: ניין, ניין, דוד! געשטאָרבען־בעגראָבען! כ׳האָב מורא פאַר דיר, דוד! איך דאַרף דיך גאָר נישט הערען, דוד... עס איז אַ זינד... אַ שרעקליכע זינד! ער האָט מיר גאַנצע נעכט פון ספרים אָרויסגעלייענט... פאַרהאַן אַ גיהנם... מען הענגט אויף בריסטען... איבער אָנגעצונדענער סמאָלע, כ׳האָב מורא פאַר דיר, דוד! פאַר דער זינד, פאַר גאָט!

ד ו ד: (דערשראָקען) וואָס האָט ער געמאַכט פון דיר, חנה רויזע? וואָס טהוט זיך עס? וואַרף פון דיר אַראָפּ זיין קללה, שאָקעל דיך אָב, ווי פערכשופט ביזטו! וואָס טהוט זיך מיט דיר קרוין מיינע, חנה רויזע לעבען מיינס! נשמה מיינע!

חנה רויזע: (קוקענדיג שטאר אויף די שאָטענס) ניין...! ניט דיינע, נישט דיינע! איין אשת איש בין איך, שמריה׳ס בין איך... ער האָט מיך געקויפט... גענומען אריין אין זיין שפּינוועבריי און ער נאָגט און נאָגט... נישט דיינע בין איך... דיינע, דוד, לעבט שוין נישט... ער האָט זי בעזידעלט, בעשפּיגען, פערמאוסט; דערנאָך מיט די דארע הענד געוואָרגען, מיטן אלטען פייער אין די אויגען מיר פון לייב אויסגעברענט... פערפאלען! — — שמריהס ווייב בין איך איין אשת איש... איך מוז אנטלויפען פון דיר דוד, (רוקט זיך אונטערוויילעכטס אָב מיט׳ן בענקיל צו די זעק אין ווינקעל) און קוועל מיך נישט דוד! רייד נישט, זיי דו מיין מלאך המות נישט! מאך מיך חאָטש ניט זינדיג! דיין קול איז אָנגעזאפּט מיט זינד, דיין יעדעס וואָרט שטעכט מיך אין הארץ ווי א נאָדעל.. און איבער דער שטוב גערה נישט... איך טאָר אפילו דיינע טריט נישט הערען! איך טאָר נישט און קען שוין נישט! כ׳האָב שוין קיין כח ניט און אזוי ווי דו געהסט, אזוי טאנצען ארום מיר די שאָטענס אויף די וועגד, זיי קריכען צו מיר! שטעקען צו מיר אויס לאנגע צונגען... לאנגע, דארע הענד! זעץ דיך אנידער, דוד!

דוד (זעצט זיך אויפ׳ן באנק בעטל, שפּארט אָן דעם קאָפּ אָן טהיר) און ווי לאנג איז, אז דו האָסט פאר מיר קיין מורא נישט געהאט... ווי לאנג איז, אז מיר האָבען זיך אזוי טריי געזעגענט.. אין סקווער אויף דער באנק, געדענקסט; א קלאָרע נאכט געוועזן... געזעגענט האָבען מיר זיך. „מען וועט דיך ארויסלאָזען" האָסט דו מיך געטרייסט, וועסט צוריק קומען... אויפ׳ן אָנלעהן אָנגעשפּארט ביזט דו געזעסען.. א שוואכע, א בלאסע, און שטיל געשמייכעלט האָסט דו! א שטילער רוהיגער טומעלטער גלויבען האָט איבער דיין פנים געשוועבט... האָסט אָנגעשפּארט דיין קאָפּ און מיין אקסעל; איך האָב דיך געקושט, אין דיין פנים האָט זיך גערויטעלט ווי אפרישער

מאָרגען שטערען! און פון דיינע אויגען, פון דיינע גרינע, טיפע שמאראַגדען זענען גאָלדענע שטראַהלען אַרויס... געבליצט האָבען זיי... מיעד ביסטו געוואָרען און אַראָבגערוקט האָט זיך דיין קאָפּ אויף מיין האַרץ... וויאַ עס קלאָפּט! האָסט דו קוים הערענדיג געזאָגט, און ווי זיס געציטערט האָט דיין קול... און איבער דיינע האָר, איבער דיין העבאָן-קרוין האָבען וואונדערליבע גלאַנצען געציטערט... מיט אַ פערציטערטע האַנד האָב איך דיינע האָהרנאָדלען, אַרויסגענומען און דיין העבאָן-קרוין האָט זיך צופלאָכטען, ביז צו דער ערד אַראָב צולאָזט... איך האָב מיט דער פלאַכער האַנד דיינע האָהר געגלעט... פונקען זענען מיר פון אונטער דער האַנד געפלויגען.

חנה רויזע: (וועקט זיך בעטענדיג) שווייג דוד, שווייג! דערמאַן נישט דאָס פערלאָרענע! עס טהוט אַזוי וועה!

דוד: (מיט פאָרוואורף) און מיר האָבען נישט גערעדט, חנה רויזע! נור דו האָסט געוואוסט און — געגלויבט!

חנה רויזע: איך האָב דיר דעמאָלט געגלויבט דוד! איך האָב מיך דעמאָלט אין ליכטיגען שטריף געבאָדען און אַ ליכטיגע נשמה געהאַט! דו ביזט געוועזען ביי מיר, מיין האַרץ האָט דיך אַזוי נאָהנט געפילט און מיין נשמה איז צו דיר געפלויגען, ווי פון ווינד און רעגען אַשוואַכע טויב אין היימישע טויבענשלאַג אַריין!

דוד: (דערפרייט) דער טויבענשלאַג איז אָפען, חנה רויזע! דו ביזט מיין!

חנה רויזע: ניין, ניין! דיין חנה רויזע ז׳ געשטאָרבען... שמריה׳ס אשת איש לעבט!... אין קבר לעבט זי, אין פינסטערן קבר... בעזידעלט.. בעשפיגען... מיינע אויגען וואַרפען שוין קיין שטראַהלען ניט, איך האָב זיי אויסגעוויינט... איך האָב שוין נישט קיין העבאָן קרוין... אָבגעשניטען האָט מען זי און ער האָט די האָהר מיט די שטראַהלען, מיט די גלאַנצען עמיצען פאַר אַ שייטעל פערקויפט. איך טראָג אַ האָהר באַנד!

פערלאָשען איז געוואָרען דער גאָלדענער שטרייף און אַ פינסטערניש האָט מיך פערשלונגען !

דוד: איך וויל דיך צוריק אין דער ליכט אַריין ציהען !

(פון דרויסען הערט זיך אַ ווינד וואָס ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער, רעכטס ציטערט און קלאַפּט דער לאָדען)

חנה רויזע: ניין, ניין דוד ! — הערסט, איך האָב מורא, דוד ! איך שרעק מיך — פאַר דיר, פאַר איהם, פאַר דער וועלט.. פאַר אַלע... נאָך מעהר פאַר גאָט !

דוד: גאָט איז אַגוטער, חנה רויזע !

חנה רויזע: (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) דיין גאָט, דער בעשעפער פון דיין וועלט... דיין וועלט איז פאַר מיר אַ גאָרטען מיט רויזען געווען... פלאַמענדיגע רויזען... און ווייסע אויך... און פיעל בלאָהע, בלאָהע שטילע ברידערליך... און בלאָה איז געווען, און לייטזעליג דער הימעל איבערן קאָפּ... און מיט מילאָנען לייטזעליגע אויגעלעך האָט גאָט אַראָבגעקוקט אויף דער וועלט... און האָט אין גאָרטען די בלומען געבענשט, און אַ ווינטעל האָט אין גאָטס נאָמען געבלאָזען, ליעבט אייך, ליעבט ! גאָט וויל אַזוי, גאָט הייסט אַזוי ! אויף דעם האָט ער דעם גאָרטען געווים בעשאַפען — — דאָס אַלץ דוד איז חרוב ונחרב געוואָרען — איין אשת איש בין איך — — — אַ פליג אין זיין נעץ, אין זיין שפינוועבס ! און ער זיצט איבער מיר אין נאַגט, און באַגט... גאַנצענע טעג, גאַנצענע נעכט... ער האָט מיר די פריהערדיגע נשמה אויסגענאָגט ! און פון גן עדן בין איך פערוואָגעלט געוואָרען ! — איך בין זיין, און אין זיין וועלט לעב איך אין זיין גיהנם ! און אונטער מיר ברענט דאָס גיהנם — און איבער מיר איז אויסגעצויגען אַ קאַלטער שטיינערנער הימעל... און אַרום מיר טאַנצען זיינע שאָטענס, זיינע שדים ! גאַנצע טעג גאַנצע נעכט האָט ער עס מיר בלאָס און פינסטער געמאַכט — און פון צווישען די שפּאַלטען פון אייזערנעם הימעל קוקט אַראָב אַ בייזער גאָט ! ער טרייסט נישט, ער שילט ! ליעבען הייסט ער

ניִשט! מיט שאַרפֿע אויגען, ווי מיט בליצען פֿון חלפֿים קוקט ער דעם אָרימען מענש אין האַרץ אַריין און פֿאָרשט און שטראָפֿט — פֿאַר יעדע סעקונדע גליק שטראָפֿט ער! דער ווינד שטאַרקט זיך, הערסט! דאָס פֿאָרשט ער! דאָס פֿרעגט ער! אַזוי רעדט ער צום אָרימען פֿעריתומטען, שוואַכען מענש! פֿון שטורם אַרויס! (עס דונערט) און שוין! ער האָט אַ זינד געפֿונען און שטראָפֿט, אומר ועושה! — —

**דוד**: חנה רויזע!

**חנה רויזע**: (מיט צאָרן) שווייג, אַז ער רעדט! (דער ווינד רייסט אויף דעם לאָדען פֿון פֿענסטער רעכטס. עס בעווייזען זיך פֿלאַמען מיט שרעק) פֿלאַמען קומען צו מיר, דוד! פֿלאַמען!

**דוד**: (לויפֿט צו צום פֿענסטער אַרויס, עס הערען זיך גלאָקען פֿון גאַס)

**חנה רויזע**: (שפּרינגט אָב לינקס) עס קלינגט! די טומאה קלינגט! דאָס גיהנם! נאָך מיין פֿערזינדיגטער נשמה קלינגט מען... איך גע֫ה פֿון דער וועלט! איך געה און אָהן אַ וואָרט אין מויל... אָהן ודוי! און אַזוי פֿערזינדיגט, דוד, ראַטעוועֿ מיך, דוד (געהענדיג צו איהם מיט אויסגעשטרעקטע הענד) נור דיך איינעם האָב איך אויף דער וועלט, נור דיך איינעם!

**דוד**: (ווענדט זיך פֿון פֿענסטער, אַיילט צו איהר) ניִשט ווייט ברענט!

**שמריה**: (אַריינקומענדיג מיט צושפּרייטע הענד, וואָס לאָזען זיי ניִשט צוזאַמען קומען) דאָ דאָ ברענט! ס׳גיהנם ברענט!

(ראַשע פֿאָרהאַנג)

# װעגען קינדער

(אין צװײ דראמאטישע בילדער).

# װעגען קינדער.

(אין צװײ דראמטישע בילדער)

---

## פּערזאָנען.

שׂרה — אַ קראַנקע אין בעט.

מאיר — איהר זוהן אַ יונגער שנײַדער געזעל.

מרים — זײַער קרובה.

שנײדער געזעלן.

א שכנה — אַ פרומע, אָרים געקלײַדעט — פון אַ יאָהר 40.

בית־דין שמש.

צװישען ערשטען און צװײטען בילד איז אַװעק איבער צעהן יאָהר.

---

## ערשטעס בילד.

אײן אָרים צימער.

רעכטס אַ טהיר אין קאָרידאָר אַרײַן. לינקס — אַ פענסטער אין גאַס אַרײַן. אין דער מיטעל־װאַנד אַ פערמאַכטע טהיר, פערהאָנגען מיט שנײַדער־אַרבײַט.

לינקס פון דער פערמאַכטער טהיר: אַ געלעגער, אַ שענניק, אַ שטרויען קישען, אַ קאָלדערע אַלט געצערעט נור װײַס איבערגעצויגען, אין מיט שטוב — דער קראַנקער'ס בעט. פאַרן בעט, רעכטס און אַרוים גערוקט — אײן אַלטער מיט שװאַרצע לעדער בעדעקטער פאַטער־שטיל; מיט אַ שאַל איבער דער אָנלעהן, און — אַ װײַס קישען אויפ'ן געזעס. פאַרן בעט — אַ טישעל. דערויף — מעדיצין. פלעשליך — אַ פאָר טעלער און דערגלײַבען, נעבען אין מיט שטוב — אײן אַרבײַטס טיש, אויף איהם רעכטס — אַ שנײַדערישע פוס־נײַ־מאַשין, לינקס אַ האַנד־נײַ־מאַשין צו װעש.

איבער דער צײַט פון שפּילען — הערט זיך אָפט אַ גערויש דורכען פענסטער פון גאַס און דאָס קרעכצען פון דער קראַנקער אין שלאָף.

---

(די פאָרהאַנג גערהט אויף).

(דאָס ספאַנישע ווענטיל איז אָבגערוקט פון בעט).

שרה: (קרעכצט, איינשלאָפענדיג).

מרים: (פאָרעט זיך ביים בעט; גלעט די קראַנקע און שלעפט זי איין).

מאיר: (ארבייט ביי דער פוס-מאַשין. קוקט מיט ברענענדיגע אויגען אויף מרים'ן און איהרע בעוועגונגען ביים בעט).

מרים: (גערהט אָב עטליכע טריט הינטערוויליכטס, ריקט צו דאָס שפאַנישע ווענטעל).

מאיר: (האַפט צוריק די אויגען צו דער ארבייט).

מרים: געלויבט איז גאָט — איינגעשלאָפען.

מאיר: (איראָניש) געלויבט זיין ליעבער נאָמען. (קורצע פויזע) אויף לאַנג?

מרים: דאָס גערויש פון גאַס זאָל זי גאָר נישט וועקען...

מאיר: (ביטער). זוך אַ בעסערע דירה!

מרים: (קוקט אויף מאיר'ן מיט רחמנות, זעצט זיך צו דער ארבייט, צו וועלכער זי בויגט אראָב דעם קאָפּ).

מאיר: (הייבט די אויגען אויף, קוקט אויף איהר מיט אַ געמישטען בליק פון ליעבשאַפט, ביטערקייט און) מרים: (דערפיהלענדיג זיין בליק, ווייך:)

האָסט עפּעס געוואָלט, מאיר? (צאַרן).

מאיר: (געשווינד צוריק אראָבלאָזענדיג די אויגען און האַסטיגער ארבייטענדיג) איך? —— געוואָלט? — אין מיין גאַאל וויל מען נישט — טאָר מען נישט וועלען:

מרים: עט! (נעהמט זיך צוריק צו דער ארבייט).

מאיר: (ביטער און בייזיג) ז'האָט זיך בעליידיגט די פריצה! רעד מיט איהר דורך אַ זיידען טיכעל! —— ד'האָב נישט קיין זיידען טיכעל (פויזע).

שרה: (זוי פון שלאָף). מרים'לעב!

מרים: (הערט זיך איין).

שרה: (וואכענדיגער). מרים'לעב!

מרים: ד'געה, מוהמע (געהט צו רוקט אב דאס שפאנישע וענטיל) וואס ווילסט דו, מוהמע?

שרה: א ביסעל וואסער...

מרים (דערלאנגט איהר צו'ם מויל).

שרה: (וויל אויסביגען דעם קאפ, צו דער שטוב און קאן נישט).

מרים: (וויל איהר העלפען).

שרה: (אבוועהרענד) ניין... ניין.... ס'טהוט וועה... ס'טהוט אזוי וועה... (פויזע) ער איז דא?

מרים: ר'איז דא... זיצט ער אין דער היים...

שרה: זייט דו ביזט געקומען! (העכער) זאל דיר גאט בעצאהלען דערפאר!

מאיר: ווייבער קאנען אהן גאט נישט לעבען!

שרה: געה צו איהם, געה... (זאגט איהר עפעס זעהר שטיל)

מרים: (שווייגט)

שרה: האסט עס געוואוסט...

מרים: איך האב עס פערשטאנען...

שרה: נו, געה... געה —— צו דער ארבייט... איך וועל אפשר נאך איינשלאפען!

מרים: (טרעט אב פון בעט, פערריקט צוריק דאס ווענטעל. זעצט זיך צורוק. פויזע)

מאיר: נאך וואס ביסט דו צו אונז געקומען, פריצה?

מרים: נישט צו דיר. די מוהמע האט געשריבען... פלעגסט זי אליין לאזען... אויף פערזאמלונגען געהן... די בריעף זענען דורכגענעצט געוועזן פון טרעהרען.

מאיר: און עס האט דיך גערירט?

מרים: נישט קיין רחמנות?

מאיר: אַ טײַערער ביסען רחמנות — פאַר אַנ׳אָרימאַן. אַנ׳עושר — עס װערט איהם װאַרם בײַ׳ם האַרץ. חאַפּט ער אַרױס אַ קערביל און קיהלט זיך אָב. אַנ׳אָרימאַן מוז זיך אָװעקגעבען! — אײַנגאַנצען!

מרים: מײַן גוטער װילען.

מאיר: און דאָ בלײַבסט דו — לאַנג?

מרים: (פּעסט) איך בלײַב!

מאיר: ביסט׳ו אַ נאַר... אַ מײדעל איז יונג, שען...

מרים: (שמײכלענדיג דורך טרעהרען) שען אויך, מאיר?

מאיר: (נישט אַכטענדיג) און אַ פרײַער פױגעל —— אײנע אַלײן ——

מרים: ביסט שױן אַמאָל געװען אײנער אַלײן?

מאיר: נײן...

מרים: זאָל דיך גאָט דערמיט נישט שטראָפען...

מאיר: װען איך בין אַלײן ——

מרים: װאָס װאָלסט׳ו געט׳הון?

מאיר: אַװעק װאָלט איך... אַװעק?...

מרים: פון דער קראַנקער מאַמע׳ן?

מאיר: „אַלײן" — האָב איך געזאָגט...

מרים: און פון מיר?

מאיר — דו װאָלסט ערשט די פליגעל צושפּרײט! אַ פרײַער פױגעל... מיט דײַן שענקײט... די װעלט װאָלט פאַר דיר אָפען געשטאַנען...

מרים: (שפּרינגט אויף פערצײטערט) װאָס װילסט די פון מיר, מאיר? װאָס פער׳סמ׳סט דו מיר דאָס בלוט! (געהט האַסטיג איבער דער שטוב) װי פײַנד דו האָסט מיך!

מאיר: איך האָב אַלע פײַנד! פאַר װאָס דיך נישט?

מרים: (שטעלט זיך פאַר׳ן אָב) מיך האָסט דו בעזונדער פײַנד!

מאיר: עקסטראַ?

מרים: ווייסט דו פאר וואס, מאיר, דו האסט מיך פיינד?

מאיר: פארוואס זאל איך דיך האבין ליעב?

מרים: דוקא פערקעהרט! ווייל דו האסט מיך ליעב! ווייל דו ליעבסט מיך, האסט דו מיך! האסט מיך פיינד, ווי א קראנק קינד האט פיינד זיין מעדיצין... פון וועלכער ער קאן גענעזען ווערען!

מאיר: אין וועלכען ראמאן האסט'ו עס געלעזען?

מרים: ניין, מאיר! איך זעה... פאר מיר בעהאלטסט דו דיינע אויגען; אדער קוקסט מיט האס, און לאז איך נאר דעם קאפ צו דער ארבייט אראב — שוועבט שוין גאר אנ'אנדערער בליק איבער מיין קאפ... געה איך נאר אב פון דיר און דרעה מיך אויס, ווערט דיין מאשין שטילער, בלייבט שטעהן און דיין בליק ברענט מיר די אקסעל — —

מאיר: משוגע!

מרים: דערווייל נאך נישט... נאר מען קאן, מען קאן משוגע ווערען — (זעצט זיך צוריק צו'ם טיש, פערבארגט דעם קאפ אין די הענד, ציטערט פון א פערשטיקט געוויין)

מאיר: (ווייכער) מרים!

מרים: (נעמט די הענד אוועק) וואס, מאיר?

מאיר: (גערירט) דו וויינסט?

מרים: (בעטענדיג) מאיר, האב רחמנות! — האב רחמנות אויף זיך אליין, מעהר ווי אויף מיר...

מאיר: שלאגט זיך א ווײלע מיט דעם דעה, נעהמט ענדליך פון בוזעם־טאש ארויס א פאטאגראפיע, דערלאנגט איהר) איך טאר ניט, מרים!

מרים: נעהמט די פאטאגראפיע מיט ציטערדיגע הענד — בעטראכט — פאלט צוריק אויפ'ן בענקעל — די פאטאגראפיע פאלט איהר פון האנד ארויס אויפ'ן טיש, הייזעריג) אה? דאס איז נידערטרעכטיג... האסט ליעב אנ'אנדערע און האסט פערשוויגען — — —

מאיר: (שטרענג) עס איז קיין אנדערע, מרים... מיין מאמע איז עס... מיין מאמע, מיידעל־וויי — (פויזע)

מרים: (קומט לאנגזאם צו זיך — מיטטרעהרען פאר פרייד) דיין מוטער... ווי שען... ווי געטליך שען —

מאיר: געוועזען! — מיין טאטע איז אויך א שענער געוועזען... אויך א שניידער־געזעל, נאר — אנדערע צייטען, בטחון געהאט... גאט פערלאזט נישט... ווער עס שפייזט א ווערמיל... אונ א חופה געשטעלט... צוויי מתים...

מרים: און ניט גליקליך געלעבט — —

מאיר: דלות לאזט נישט לעבען — — פון זיעבען בין איך איינער געבליבען — — פון די וויגען אוועק־געטראגען — איינעם פון וואסער ארויסגעצויגען! (ווייזענדיג צו דער מוטערס בעט) און דאס איז געבליבען פון דער געטליכער שענקייט... (פויזע) א לעבעדיגער מת!

מרים: (פערשטעלט זיך דאס פנים און וויינט)

מאיר: (זעהר גערירהרט) מען טאר ניט, מרים! עס איז א זינד... מיין טאטע פלעגט אויף דער עלטער צו רייבע ארומגעהן נאך הילף... „אויף קהל'ס חשבון קינדלען און בע־גראבען — האבען זיי געזאגט, — איז א זינד!... (פויזע)

מרים: מאיר... גאט קאן העלפען... האף צו גאט!

מאיר (מאכט אוועק מיט דער האנד).

מרים: און אפשר... אפשר...

מאיר: וואס אפשר? מרים!...

מרים: אפשר וועט גאט העלפען, עס וועט נישט זיין... קיין... קיין קינדער!

אונטערן ווענטיל פאלין אראב טעלער און גלעזער פון טישעל. (פערוואונדערטע פויזע),

מאיר — ארבגעפאלען, צי זי האט געהערט און אראב־געווארפען!

שכנה: (קומט אריין) (פארהאנג). מזל טוב!

# צווייטעס בילד.

(צעהן־צוועלף יאהר ארום).

דעם זעלבע צימער, בעל בתישער איינגעריכטעט; רעכטס צוויי בעטען — לינקס א קאנטארקע; אין מיט — א קליין גארניטור ביליג מעבעל. די טהיר אין צווייטען צימער אריין איז אפען, עס זעהן זיך שניידער־געזעלען ביי דער ארבייט, דאס גערויש פון פוס־מאשינען.

---

מאיר: (זיצט ביי דער קאנטארקע איבער רעכען־ביכער; דענערוויערטע, בעזע בעוועגונגען) —

מרים: זיצט אויף א בעט, דאס געזיכט אין די הענד (איינשטימיג געזאנג פון צווייטען צימער:) —

מיר שווערען ביי דער ליבטיגער זון — ליכט מוז זיין פאר אלע!

מיר שווערען ביי'ם פרייען פעלד —— ברויט מוז זיין פאר אלע!

(דער רעפרען ווערט אויפגעהאפט פון עטליכע שטימען).

מאיר: (רופט אין דער צווייטער שטוב אריין) שטיל זאל זיין! נישט פאר זינגען צאהל איך מיין בלוט! (עס ווערט שטיל)

מרים: (זיפצט).

מאיר: און דו, קוועקע נישט! — נישט מעגליך א רעכענונג צו מאכען!

(פון יענער זייט ווערט מיט איין אימפעט צו־געווארפען די טהיר צום שלאס).

מאיר: קלאפען זאל עס אייך אין די קעפ!

מרים: אך, גאט, גאט — וואס פון א מענש ווערט!

מאיר: שווייג!

(פויזע. דאָס געזאַנג פון צווייטען צימער הערט זיך אָהן ווערטער).

אַ שניידער־געזעל: (קומט אַריין).

מאיר: וואָס אַזוי שפּעט?

שניידער־געזעל: אַ קינד איז מיר אַוועקגעפאַלען.

מאיר: וועל איך רעכענען אַ 1/4 טאָג! —

שניידער־געזעל: (איבערגעהענדיג צום צווייטען צימער). עקספּלואַטאַטאָר! (וואַרפט הינטער זיך צו די טהיר).

מרים: (שטילער אַלס פריהער). וואָס פון אַ מענש קען ווערען.

מאיר: (פערטיעפט זיך אין רעכענען).

מרים: (נאָך אַ פויזע, זעהר טרויריג און לאַנגזאַם). אַרויסגעלאָזט אין אַ שלעכטער שָעה..., אין אַ בייזער שעה...' גאָטס אויער הערט... אַליין זיך פערשאָלטען... אַ מענש טהוט זיך נאָר אַליין...

מאיר: וועסט שווייגען אַמאָל?

מרים: ווי אַזוי רעדסט דו צו מיר, מאיר? נישט אַזוי פלעגסט דו רעדען אַ מאָל.

מאיר: האָסט מיך געקענט... נישט געדאַרפט צורעדען... (פויזע)

מרים: היינט איז דער חופה־טאָג געווען...

מאיר: יאָהרצייט... אַזוי פיעל יאָהרען בעגראָבען...

מרים: בעגראָבען... גאָר בעגראָבען? קיין גליק איז גאָרנישט געווען? האָסט גאָר נישט קיין גוטס צו פערדאַנקען... מאיר!

מאיר: (גערירהרט). פאָלג מיך, מרים — רעד נישט דערפון... אַזוי קען נישט זיין... עס קען אַזוי נישט בלייבען... און וואָס?! מיר זענען דאָך נישט צוגעבונדען מיט אייזערנע קייטען... לאָ'מיר זיך נישט שווער מאַכען דעם לעצטען טאָג.. נעהם בעסער די שאַל, געה אַראָב קויף עפּעס איין...

מרים. (וויל עפּעס זאָגען) . רעד מיך נישט איבער... עס מוז אַמאָל קומען די צייט... און וואָס שפּעטער איז ערגער — פאַר דיר... דיין טובה מיין איך... גע׳ה, מרים, גע׳ה. לאָ׳מיר צוזאַמען מיטאָג עסען...

מרים: (רעזיגניערט) . גוט... איך גע׳ה. (הייבט זיך אויף, נעהמט די שאַל געהט, וואַקעלדיג, איבערן צימער צו דער טיהר).

מאיר: (מאַכט זיך, גלייך ער איז צוריק פערטיעפט אין חשבונות).

מרים: (אין טהיר) . צו ווידער זעהן!

מאיר: (ענטפערט נישט, גלייך ער הערט נישט).

מרים: (וואַרפט אויף איהם אַ געבעט־בליק).

מאיר: (דערפיהלט דעם בליק און לאָזט נידעריגער דעם קאָפּ איבערן בוך אַראָב).

מרים: (וויל זיך צווייגען. געהט געשווינד אַרויס).

מאיר: (עטעמט אָב) . אַה! (שטעהט אויף, געהט האַסטיג איבער דער שטוב). אוים אַיזען מוז מען זיין ——— און וואָס? ד׳וועל זי דאָך פערזאָרגען ——— עס מוז זיין אַ סוף —

אַשנייז׳ ערגעזעל: (קומט פון צווייטען צימער) . בעל־הבית, איך מוז היינט אַהיים געהען פריהער —

מאיר: (האַסטיג) . גע׳ה!

שניידער־געזעל: (קוקט פערוואונדערט. נאָך אַ ווייל׳ע) גיט מיר אַ רובל אַוואַנס!...

מאיר: (האַסטיגער) . מאָרגען, מאָרגען — גע׳ה... גע׳ה!

שניידער־געזעל: (ציהט די אַקסעל, געהט אַרוס).

(דורך דער אָפענער טהיר הערט זיך אַ שטיל־געצויגען געזאַנג:)

עס יאָגען ס׳ציהען שווערע וואָלקען,
עס בלאָזט און פייפט דער ווינד!
פון סיבירען שיקט דיין טאַטע ———

**מ א י ר:** (מיט קנאה) . מענשען זינגען . (געהט צו , פערמאכט לאנגזאם די טהיר) .

(עס הערט זיך די מעלאדיע אהן ווערטער ,

(מאיר געהט אויף און אב–געריהרט) .

**ש כ נ ה:** (קומט אריין) . גוט מארגען ... (בלייבט שטעהען אין טיהר) .

**מ א י ר:** (זויער) . גוט יאהר ... איהר זוכט מיין וויב ? ארויסגעגאנגען ...

**ש כ נ ה:** ד'וויים ... איך האב זי אראבגעפיהרט פון די טרעפ . זי איז אזוי שוואך ... (פויזע) אונטען האט זי זיך צוויינט . (פויזע)

**מ א י ר:** (פערציהט א הארט פנים) . נו , איז וואס ?

**ש כ נ ה:** ווארט א רגע . (לויפט איבער דער שטוב , עפענט דאס צימער צו די שניידער געזעלען) .

**מ א י ר:** (צולאכט זיך) . הא־הא־הא ! מורא געהאט פאר יחוד .

**ש כ נ ה:** (צוריק געהענדיג . איך וויים דו וועסט מיר קיין בעל'ן נישט זיין ... נאר , אז די תורה זאגט: ניין ! איז—ניין !

**מ א י ר:** הכלל —

**ש כ נ ה:** הכלל עס איז א רחמנות !

**מ א י ר:** א ביליגע זאך — רחמנות ! — און אויף מיר איז קיין רחמנות נישט ? (ארויספלאצענד) און פאר וועמען הארעוועט מען ? פאר וועמען רייסט מען איין די וועלט ? שינדט מען — —

**א ג ע ז ע ל:** (פון צווייטען צימער) . ביי'ם ארבייטער די הויט !

**מ א י ר:** (ווייזט א פויסט צו דער צווייטער שטוב) .

**ש כ נ ה:** אוי ר' מאיר , ר' מאיר — איהר רעדט אלץ פון עולם הזה , וואלט איהר חאטש גערעדט . וועגען א קדיש — — איבער הונדערט און צוואנציג יאהר פאר דער נשמה וועגען ! ...

מאיר: זאָל זײַן דאָס —

שבנה: אויף איהר איז אָבער מעהר רחמנות — אַזאַ גוטע נשמה — —

מאיר (פערענדערט דאָס קול, איינשמייכעלדיג) זעצט איך, שבנה (וועצען זיך צום טיש) — אַדרבא — איהר האָט רחמנות, איך האָב אויך רחמנות — „אַ גוטע נשמה", זאָגט איהר, איך זאָג גאָר: אַ כשר'ע נשמה... אָבער עס מוז דאָך אַ סוף זײַן — —

שבנה: אַוודאי איז שלעכט...

מאיר: אַ קונץ צו זאָגען „שלעכט"!..אַז מען איז אָבער אַ שבנה, און מען האָט רחמנות, מאַכט מען שלום...

שבנה: (פערוואונדערט). איהר קריעגט איך דען?

מאיר: ד'מיין — —

שבנה: ניין, ר' מאיר... שלום מאַכען טאָר איך נישט... קענען דער תורה הקדושה... אַ שפּאַס די ערשטע מצוה!

מאיר: (אונגעדולדיג). נישט דאָס מיין איך... שלום צום גט!...

שבנה: חס ושלום, חס ושלום! אַ פינגער אין שפּאַלט פון טהיר לעג איך נישט...

מאיר: (בייז, שטעהט אויף). נו, געהט מיר געזונטער הייד

שבנה: (שטעהט אויף, געהט. דרעהט זיך אוים שוין אין טהיר). פון דעסטוועגען פאָלגט מיך, ר' מאיר — פרעגט אַ שאלה.., אפשר וועט מען מתיר זײַן — וואָס תלמידי חכמים קענען...

אַ שטימע פון הויז — געהסט אין שטוב אַריין? ס'קינד רייסט זיך! —

שבנה: איך געה, איך געה, (אָב)

מאיר: (נעהמט זיך מיט געוואַלט צום חשבון, רעכענט הויך). 7 און 5 איז 12 און 9 איז 32 (שטילער. דערנאָך). 67 און 68 —

ביזן) אַ שוואַרץ יאָהר — עס דרעהט אין קאָפּ... סאַמע טעותים — בדיל הדל וועל איך ווערען — איין עק מוז עס האָבּען!

מ ר י ם: (קומט צוריק, נישט אײַנגעקויפט, וואַקעלט זיך צו צום בעט וויל זיך לעגען).

מ א י ר: (שטרענג). ד'האָב דיר שוין נישט איינמאָל געזאָגט, ביי טאָג לעגט מען זיך נישט... ס'קען אַ סוחר קומען —

מ ר י ם: פאַר וואָס מאַטערסט דו מיך נאָך, מאיר?

מ א י ר: ווער מאַטערט דיך? ווייסט, מענשען קענען קומען. עס מוז אויסזעהען לײַטיש... אַ'ניט גיט מען קיין קרעדיט! געשעפט איז געשעפט! — — און דו ווייסט, ווען נישט דאָס, וואָס דו ווייסט, וואָלט איך אַ ניי שפּאַניש ווענטיל געקויפט... דער מאַמעס, עליה השלום, איז צוריסען, אַ חרפה. — —

מ ר י ם: (וויינענדיג). וועסט קויפען, וועסט קויפען! פאַר איין אַנדערע...

מ א י ר: שטעהט אויף) אַ מענש דאַרף זיין אַ מענש! און וואָס? וואָס פאַר אַיין אונגליק? (געהט נעהנטער צו) ד'לעבען, גאָר נישט! וואָס איז? חס ושלום, אַזוי אַלט ביזט דו? (נעמט אַ בענקעל, זעצט זיך רײַטענדיג, פאָהרט צו אויפ'ן בענקעל נעהנטער צום בעט) גלויב, מיר, מרים, די וועלט איז אַ וועלט.. די זון איז דיר נישט אונטערגעגאַנגען, חס ושלום! אַ שען ווייבעל, ברוך השם, ביסט דו דאָך — זאָלסט דיך נאָר אַזוי אָבלאָזען!... אויגען האָסט דו... נאָך וואָס פאַר אויגען!... זאָלסט זיי גאָר נישט אַזוי אויסווייִנען — אַ שאָד אַזוינע אויגען — —

מ ר י ם: (ווײַנט שטיל). וואָס דו רעדסט, מאיר!

מ א י ר: און אַ פּאָר הונדערטער וועסט'ו בעקומען...

מרים: (שפּרינגט אויף). שלאַנג!

בית־דין־שמש: (קומט אריין) . גוט מארגען — דער רב שיקט רופען —

מאיר: (ארויסשרייענדיג) . אזוי פריה ?

(פארהאנג) .

י. ל. פרץ.